STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11146

VEN UN VYAZOY DOS RUSISHE FOLK HOT GESHLONG DI DAYTSHISHE FARKHAPER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מתנת
שלום און שפרה קרישטאלקע
ביבליאָטעק

ווען און וויאַזוי דאָס רוסישע פאָלק האָט געשלאָגן די דײַטשישע פאַרכאַפּער

אָגיז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס", מאָסקווע 1941

אינהאלט

זײַט

I. אפנ אײַז פונ דער טשודער אָזערע 4
II. אפ די פעלדער פונ ליוואָניע. 11
III. דאָס רוסישע מיליטער אינ בערלינ 15
IV. דער ברוסילאָווער דורכרײַס 23
V. די צעגראָמירונג פונ די דײַטשישע אינטערווענטנ אינ 1918 יאָר . . 28

КОГДА И КАК РУССКИЙ НАРОД
БИЛ ГЕРМАНСКИХ ЗАХВАТЧИКОВ

(На еврейском языке)

Редактор перевода *Р. Фиш.* Подписано к печати 15/VIII—41 г. А—38107.
Тираж 5000. Цена 15 коп. Зак. 497.

17-я ф-ка национальной книги Огиза РСФСР треста „Полиграфкнига“.
Москва, Шлюзовая наб., 10

דעמ 22-טנ יונ 1941 י. האָט דאָס פאשיסטישע דײַטשלאנד ברוטאל געבראָכנ דעמ אָפּמאכ וועגנ ניט אָנפאלנ, וואָס האָט עקזיסטירט צווישנ דײַטשלאנד אונ פּססר. ניט אַרויסשטעלנדיק קיינ וועלכע-ס׳ניט-איז פרעטענזיעס צו דער סאָוועטישער רעגירונג אונ ניט דערקלערנדיק קיינ מילכאָמע, האָט דײַטשלאנד געמאכט א ראָצבישנ אָנפאל אפנ ראטנפארבאנד.

ניט דאָס ערשטע מאָל אינ דער געשיכטע פרוונ זיכ די דײַטשישע פארכאפּער צו דעראָבערנ רוסישע טעריטאָריעס: דער פאריסענער היטלער האָט ניט ווייניק פאָרגייער, וואָס האָבנ אינ פארלויפ פונ העכער 700 יאָר ניט איינ מאָל זיכ פארמאָסטנ אפ אונדזער היימלאנד, אפ אונדזער הייליקער ערד, אפ דער פרײַהײַט אונ אומאָפּהענגיקײַט פונ אונדזער פאָלק. דאָס זײַנענ געווענ די ליוואָנישע אונ טעווטאָנישע קלאָווימ די ריטערס, די פרײַסישע קיניגנ מיט געדונגענעמ מיליטער, די דײַטשישע אימפּעראטאָרנ מיט זייערע ארמייענ. דער רעזולטאט איז געווענ שטענדיק איינער אונ דער זעלבער: ווי די דײַטשישע פארכאפּער זאָלנ זיכ ניט האָבנ באמיט צו פארקנעכטנ אונדזער לאנד, האָבנ זיי ש ט ע נ ד י ק באגעגנט אנ אײַזנפעסטנ אָפּשטויס. דאָס רוסישע פאָלק האָט זיי שטענדיק אומראכמאָנעסדיק געשלאָגנ אונ ארויסגעטריבנ פונ זײַנ טעריטאָריע מיט שאנד אונ ביזאָיענ.

דאָס לערנט די געשיכטע פונ פיל יאָרהונדערטער. די בלוטדורשטיקע פאשיסטנ האָבנ אפּאָנעמ פארגעסנ אירע לעקציעס, — דאָס סאָוועטישע פאָלק וועט זיי דערמאָנענ. אינ א מעכטיקנ פאטריאָטישנ אופברויז האָט דאָס סאָוועטישע פאָלק זיכ גענומענ פארנ געווער, קעדיי אינ דער גרויסער גערעכטיקער פאָטערלענדישער מילכאָמע פאר דער ערע אונ פרײַהײַט פונעמ היימלאנד איינמאָל אונ פאר אלעמאָל אָנצולערנענ די מערדער פונעמ

דייַטשישנ פאשיזמ, וואָס זייַנענ פארשיקערט פונ די לייַכטע זיגנ איבער די שוואכערע פעלקער פונ אייראָפּע. די דאָזיקע מערדער האָבנ געוואגט פארעטעריש אָנצופאלנ אפ אונדזער פאָטערלאנד, אפ דער ערשטער אינ דער וועלט סאָציאליסטישער מעלוכע, זיי האָבנ פארקלערט צו פארקנעכטנ אונדזער פאָלק, — זיי וועלנ אָפּגעמעקט ווערנ פונ דער ערד.

מיר האָבנ ניט געוואָלט די דאָזיקע מילכאָמע. די מילכאָמע האָט אונדז אָנגעבונדנ דער סוינע. נאָר קוימ האָט זיכ די מילכאָמע אָנגעהויבנ, וועט אונדזער העלדנמוטיקע מעכטיקע רויטע ארמיי מאכנ צו שטויב דעמ ליגנערישנ מיפ, וואָס די היטלעראָווצעס האָבנ געשאפנ, וועגנ דער „אומבאזיגבארקייַט" פונ זייער ארמיי.

היטלער אונ זייַנ ארמיי וועלנ זייַנ געשלאָגנ אונ צעשמעטערט, ווי עס זייַנענ צעשמעטערט געוואָרנ זייַנע פאָרגייער אינ XIII יאָרהונדערט אפנ אייַז פונ טשודער אָזערע, אינ XV יאָרהונדערט — אפ די פעלדער פונ ליטע, אינ XVIII יאָרהונדערט — אינ פרייַסנ, לעבנ סאמע בערלינ אונ אינ בערלינ גופע, אינ 1918 יאָר — אפ אוקראינע.

אונדזער זאכ איז א גערעכטע. אפ אונדזער זייַט איז די גאנצע פאָרגעשריטענע אונ פּראָגרעסיווע מענטשהייַט.

דער אָבסקוראנטישער, בארבארישער דייַטשישער פאשיזמ וועט אייַנגעבראָכנ אונ פארניכטעט ווערנ — א גאראנטיע דערצו איז די שטאָלענע אייַנהייַט פונעמ גאנצנ סאָוועטישנ פאָלק, וואָס האָט זיכ שטאָל אונ אייַזנ געשטעלט צומ באשיצנ זייַנ היימלאנד. זייַנ מעכטיקער ווילנ וועט בייַקומענ באליביקע שווערִיקייַטנ. דער דאָזיקער ווילנ איז געריכטעט צו איינ ציל — צומ פולשטענדיקנ זיג איבער דעמ נידערטרעכטיקנ סוינע.

I. אפנ אייַז פונ דער טשודער אָזערע.

סאָפ XII אונ באזונדערס אָנהייב XIII יאָרהונדערט האָבנ אפ די רוסישע טעריטאָריעס אינ מייַרעוו אונ צאָפנ-מייַרעוו אָנגעהויבנ אָנגרייַפנ די דייַטשישע ריטערס, וואָס זייַנענ געקומענ פונ דייַטשלאנד.

אינ דער באלטיק האָבנ די דאָזיקע פאריסענע אוואנטיוריסטנ געהאָפּט

צו געפינען א באקוועם אָרט אפ צו פארכאפן טעריטאָריעס, אפ צו פאר־נעמען זיך מיט רויבערײַ. געשאפן אין 1201 יאָר דעם ליוואָנישן אָרדען, האָבן זיי זיך ארײַנגעריסן אין דער טיפ פון די באלטישע טעריטאָריעס און האָבן אָנגעהויבן אפ א ראָצבישן אויפן אויסצוראָטן און צו פארקנעכטן די אָרטיקע באפעלקערונג — די ליוון און עסטן.

בלויז אין דעם איינעם פרילינג 1211 יאָר האָבן די ליוואָנישע ריטערס אויסגעראָטן 2000 עסטן, האָבן כאָרעוו געמאכט און געלאָזט מיטן פײַער זייערע יִשוּוים, האָבן וויסט געמאכט זייערע פעלדער. יענע אײַנוווינער, וואָס האָבן ארויסגעוויזן די מינדסטע ניט־געהאָרכזאמקײַט צו די בלוטדור־שטיקע פארכאפער, האָבן געהאט אויסצושטיין אכזאָריעסדיקע פײַניקונגען. אפ די באצוווּנגענע טעריטאָריעס האָבן די ריטערס געבויט זייערע שלעסער און האָבן אומראכמאָנעסדיק עקספּלואטירט דאָס פארשקלאפטע פאָלק. ניט אומזיסט איז אין דער באלטיק דאָס וואָרט „דײַטש" געוואָרן א פארקערפּע־רונג פון דעם אלעם פארהאסלעכן, שוידערלעכן.

די אינוואזיע פון די מערדער די ריטערס אפ די טעריטאָריעס פון די ליוון און עסטן האָט דירעקט באדראָעט די רוסישע שטעט און פריִער פון אלץ — פסקאָוו און נאָווגאָראָד.

אין סאמע אָנהייב XIII יאָרהונדערט איז די רוסן אויסגעקומען ניט איין מאָל צו געבן אן אָפּשטויס די ליוואָנישע ריטערס, וואָס האָבן זיך דערנעענטערט צו די גרענעצן פון די רוסישע טעריטאָריעס. אזוי, לע־מאָשל, האָט אין 1214 יאָר דער נאָווגאָראָדער פירשט מסטיסלאוו מיט 15 טויזנט מאן מיליטער אָרגאניזירט אן ארויסטרעטונג קעגן די דײַטשישע ריטערס און איז דורכגעגאנגען „דורך דער ערד דער טשודער צום יאם צו".

אין 3 יאָר ארום, אין 1217 יאָר, האָט דער כראָניק־שרײַבער דערציילט וועגן דער שלאכט פון די נאָווגאָראָדער און פסקאָווער מיט די דײַטשן. אין דער דאָזיקער שלאכט האָבן די רוסן דערהארגעט 2 דײַטשישע קריגס־פירער, גענומען אין געפאנגענשאפט א דריטן, אָפּגענומען בא די דײַטשן 700 פערד און האָבן זיך אומגעקערט פון ליטע בעשאָלעם.

אין 1224 יאָר, ווען דאָס רוסישע פאָלק איז געווען פארטאָן אינעם אָנגעשטרענגטן קאמפ קעגן די טאָטעריש־מאָנגאָלישע דעראָבערער אין מיז־

דעך, האָבן די ליוואָנישע ריטער באַשטימט אויסנוצן דעם פּאַסיקן מאָמענט, קעדיי אָנצופאַלן אַף די רוסישע טעריטאָריעס. מיט אַ פּילצאָליקן מיליטער האָבן זיי באַלאַגערט די שטאָט יוריעוו, וועלכע האָט זיך פאַרטיידיקט מיט אַ קליינעם גאַרניזאָן, סאַכאַקל פון 200 קריגער.

די רוסישע קריגער האָבן מוטיק זיך געווערט, אָבער דער סוינע האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע איבערוואָג אין צאָל. די ריטערס האָבן איינגענומען יוריעוו און האָבן אויסגעשאָכטן אַלע זײַנע פאַרטיידיקער, דערונטער די פרויען, קינדער און זקיינים, וועלכע האָבן זיך אויסגעבאַהאַלטן הינטער די שטאָטישע ווענט. קעגן די ריטערס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן די נאָווגאָראָ-דער; די פאַרכאַפּער האָבן גיך אָנגענומען די שלאַכט און זײַנען אָפּגע-טראָטן.

עטוואָס שפּעטער זײַנען זיי ווידער אָנגעפאַלן אַף דעם פּסקאָווער לאַנד און האָבן שיער ניט פאַרכאַפּט איזבאָרסק. אָבער די פּסקאָווער האָבן אײַן-גיכן צוריק אָפּגענומען די שטאָט און געגומען אין געפאַנגענשאַפט דעם דײַטשישן גאַרניזאָן.

אין 1234 יאָר האָט דער פירשט יאַראָסלאַוו וסעוואָלאָדאָוויטש דורכ-געמאַכט מיט די נאָווגאָראָדער אַ גרויסן מאַרש אין עסטלאַנד און צעקלאַפּט די פרעכ געוואָרענע ריטער. „די דאָזיקע קלאָוויִמ האָט מען פײַן אָנגע-לערנט", — האָט געשריבן מאַרקס.

די ריטערס זײַנען געצווונגען געווען צו שליסן שאָלעם. זיי האָבן זיך אָבער ניט אָפּגעזאָגט פון זייערע רויבערישע פּלענער. דער ליוואָנישער אָרדען האָט צוגעצויגן צו זיך צו הילף די טעווטאָנישע ריטערס. ביידע אָרדענס האָבן זיך פאַראייניקט אין איין טעווטאָנישן אָרדען [1] און האָבן אָנ-געהויבן נאָך גרויזאַמער צערעכענען זיך מיט די באַצווונגענע געפאַנגענע: יענע, וועמען זיי האָבן ניט אויסגעראָטן, האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין שקלאַפן.

אין 1240 יאָר האָבן די דײַטשישע קלאָוויִמ די ריטערס מיט דער הילף פון פאַרעטער טווערדילאַ פאַרנומען פּסקאָוו, פאַרברענט דעם גאַנצן יִשעוו, כאָרעוו געמאַכט די אַרומיקע דערפער. „פיל שלעכטס איז אָפּגעטאָן

1 די ליוואָנישע אָפּטיילונג זײַנע רופט מען אויך ליוואָנישער אָרדען.

געוואָרן, — האָט געשריבן דער כראָניק־שרײַבער, — ... פיל קינדער פון גוטע מענטשן... האָט מען אָפּגעפירט אין געפאַנגענשאַפט".

די טעווטאָנישע ריטערס האָבן באַשטײַערט מיט צינדז די אײַנוווינער פון וואָדיער לאַנד, האָבן אָנגעהויבן צו באַלעבאַטעווען אַף די ברעגן פונעם טײַך לוגא. זיי האָבן אַזוי באַרויבט די באַפעלקערונג, אַז לויט די ווערטער פונעם כראָניק־שרײַבער „איז שוין ניט געבליבן אַף וואָס צו אַקערן". די מערדער די ריטערס האָבן זיך דערנעענטערט צו נאָווגאָראָד — זיי האָבן זיך געפונען 30 ווערסט די ווײַט פון אים. דעם טעווטאָנישן אָרדען האָט אין יענער צײַט מיטגעהאָלפן דער רוימישער פויפּסט גריגאָריע דער IX. ער האָט דערקלערט די רוסן פאַר „געצנדינער", סטימולירנדיק אַזוי־אַרום די ריטערס, זיי זאָלן זיך בלוטיק צערעכענען מיט די רוסן און ווײַטער זיך פאַרנעמען מיט פאַרכאַפּן נײַע טעריטאָריעס.

אַף צו געבן אַן אָפּשטויס די טעווטאָנישע פאַרכאַפּער האָט זיך אויפגעהויבן דאָס רוסישע פאָלק אין דער שפּיץ מיטן נאָווגאָראָדער פירשט אַלעקסאַנדער נעווסקי, וואָס האָט זיך שוין געהאַט באַרימט געמאַכט מיט צעשמעטערן די שוועדישע ריטערס אין 1240 יאָר אַפן טײַך נעווא.

איבער דער גאַנצער רוס האָבן די דרוזשיניקעס פונעם פירשט אַלעקסאַנדער לויט זײַן באַפעל גערופן דאָס פאָלק צו פאַרטיידיקן זיך קעגן דעם פרעמדלענדישן סוינע, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אַף די רוסישע טעריטאָריעס. „זאַמלט זיך צונויף אַלע פון קליין ביז גרויס, — האָבן זיי געזאָגט. — ווער עס האָט אַ פערד, יענער — אַפן פערד, און ווער עס האָט ניט קיין פערד, זאָל גיין אַף אַ שיפל".

אַף אַלעקסאַנדער נעווסקיס רוף האָבן זיך ברייט אָפּגערופן די קריגסלײַט, די פויערים, די האַנטווערקער פון גאַנץ רוס. צו אים זײַנען געגאַנגען ניט בלויז די נאָווגאָראָדער, פּסקאָווער, לאַדיגער, קארעלן, איזשאָרצעס, נאָר אויך אָפּטײלטשענצעס „פון דער נידער", דאָס הייסט פון דער וואָלגע און אָקא. אַלע האָבן געוואָלט זיך שלאָגן מיטן פרעכ געוואָרענעם סוינע: דאָס איז געווען אַ נאַציאָנאַלע מילכאָמע קעגן די פרעמדלענדישע פאַרכאַפּער.

„זאָלן זיך ניט באַרימען די, וואָס זאָגן: מיר וועלן אונטערטעניקן

צו זיכ דאָס סלאַווישע פאָלק", — האָט געשריבנ דער כראָניק־שרײַבער וועגנ אלעקסאנדער נעווסקיס באפרײַענ פסקאָוו פונ די טעווטאָנישע ריטער אינ מארט 1242 יאָר.

אלעקסאנדער האָט מיט זײַנ מיליטער פארנומענ אלע וועגנ צו פסקאָוו, האָט באפרײַט די שטאָט אונ ארויסגעטריבנ פונ דאָרטנ די דײַטשנ. די דײַטשישע שטאטהאלטער האָט ער געשמידט אינ קייטנ אונ אָפגעשיקט קיינ נאָווגאָראָד. „קיינ איינ דײַטש איז דאָרט ניט פארבליבנ", — האָט מיטגעטיילט דער כראָניק־שרײַבער וועגנ דעמ באפרײַטנ פסקאָוו. די טעווטאָנישע ריטער האָבנ זיכ אָבער מיט א קאָלאָסאלנ מיליטער ווידער א לאָז געטאָנ זיכ אפ פסקאָוו. אלעקסאנדער האָט ניט גענומענ ווארטנ אפ זיי, נאָר ער איז מיט זײַנ כאַיל זיי אנטקעגנ געגאנגענ, אפנ ברעג פונ טשודער אָזערע. ער האָט אויסגעשטעלט זײַנ כאַיל בא דעמ שטיילנ פעלדיז „וואָראָני קאמענ", אויסגעשטעלט עס אינ באזונדערע אָטריאדנ, ווי א ווינקל, וואָס איז געווענ אָפנ אינ דער ריכטונג, פונ וועלכער ס'איז געגאנגענ דער סוינע.

דאָס רוסישע כאַיל, אָנגעטאָנ אינ פאנצערס אונ אינ העלמענ, באוואָפנט מיט שווערדנ, שפּיזנ אונ העק, פײַלנ אונ יעגער־ביקסנ, האָט זיכ געגרייט צו דער שלאכט.

„די קריגער פונעמ גרויסנ פירשט אלעקסאנדער זײַנענ געווענ שלאכטמוטיק, דרייסט ווי די לייבנ", — האָט געשריבנ איינער א צושויער פונ דער שלאכט; די רוסישע קריגער זײַנענ געווענ גרייט „די קעפ זייערע אוועקלייגנ", אבי צו זיגנ.

די טעווטאָנישע ריטערס, בעסער באוואָפנט ווי דאָס רוסישע כאַיל, געשמידט אינ פאנצערס, האָבנ זיכ גערוקט צו דער אָזערע. זייער כאַיל האָט אָנגעציילט 600 בלויז מעיוכעסדיקע ריטערס קרייצ־טרעגער אליינ אונ פיל פאָשעטע קריגס־לײַט קנעכט. זייער אָנפירער — דער מאגיסטער פונעמ אָרדענ גערמאנ באלק האָט אויסגעשטעלט זײַנ כאַיל ווי א שארפנ קלינ — א „כאזער", ווי מע האָט דעמלט אָנגערופנ אזא אופנ פונ אויסשטעלנ דאָס כאַיל.

דעמ 5־טנ אפרעל 1242 יאָר איז אפנ אײַז פונ דער טשודער אָזערע פאָרגעקומענ אנ אנטשיידענע שלאכט מיט די קרייצ־טרעגער די אויסוורפנ.

די שלאכט האָט זיכ אָנגעהויבנ פארטאָג, בייסנ זונ־אופגאנג. די דײַטשנ

האָבן זיך ארײַנגעשניטן אין לאַגער, ווו ס'האָט זיך געפונען דאָס רוסישע כאַיל, האָבן זיך דורכגעשלאָגן דורך די ערשטע רייען און זײַנען צוגעגאַנגען האַרט צו די פעלדזן. דערויף האָט טאַקע אויסגעשטעלט אַלעקסאַנדער נעווסקי, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט אַלס גרויסער קריגספירער. ער האָט מיט זײַן כאַיל אַ קלאַפ געטאָן אויפן ריטערישן „כאַזער" פון הינטערלאַנד און פון די פלאַנגען, ארײַנגענומען דעם סוינע אין אַ „צוואַנג".

„ס'איז געווען אַ הייסע שלאַכט, די לופט האָט געציטערט פון די זיך ברעכנדיקע שפיזן און פון די פאָכנדיקע שווערדן", — האָט פאַרשריבן וועגן דער שלאַכט אַ מענטש פון יענער צײַט.

די רוסן האָבן געטריבן די ריטערס איבערן אײַז פון דער אָזערע ביזן אַנטקעגנבערדיקן ברעג. „און מע האָט זיי געקלאַפט און געטריבן, און זיי האָבן ניט געהאַט וווהין צו לויפן, און מע האָט זיי געשלאָגן אויף אַ מעהאַלעך פון 7 ווערסט איבערן אײַז ביזן סובאַליטשער ברעג".

דאָס אײַז אונטער די דײַטשן האָט זיך געבראָכן. זיי האָבן זיך געטרונקען צוזאַמען מיט די פערד און שווערער באַוואָפענונג. די שלאַכט האָט זיך פאַרענדיקט ערשט שפעט אין אָוונט. די רוסן האָבן אָפגעהאַלטן אַ פולשטענדיקן ניצחון. ווייניק ווער פון די דײַטשן האָט באַוויזן זיך צו ראַטעווען. אויפן אײַז האָט מען אונטערגעקליבן באַ 500 דערהאַרגעטע ריטערס, ניט רעכענענדיק פיל קריגס־לײַט; 50 מעיוכעסדיקע ריטערס, אַכוץ פונעם געוויינלעכן גראַד, האָט מען גענומען אין געפאַנגענשאַפט. און די רוסן האָבן זיי אוועקגעפירט באָרוועסע לעבן די פערד.

געליטן אַזאַ שרעקלעכע מאַפּאָלע, איז דער טעווטאָנישער אָרדען געצוווּנגען געווען צו בעטן באַ די נאָווגאָראָדער שאָלעם. „פון דעם, וואָס מיר האָבן פאַרכאַפט — פון וואָד, לוגאַ, פּסקאָוו, לעט, האָלאַ, — פון דעם אַלעם טרעטן מיר אָפ", — האָבן געזאָגט די שעלוכים פונעם אָרדען.

„די שלאַכט אויפן אײַז" („Ледовое побоище"), ווי מע האָט אָנגערופן אויף דער רוס די שלאַכט אויף טשודער אָזערע, האָט בוילעט באַוויזן דעם וואַקסנדיקן נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזײַן און די באַהעפטקײַט פונעם רוסישן פאָלק אינעם קאַמף פאַר זײַן ערד און פרײַהײַט. טאַקע אָט דער

זעלבסבאוווּסטזײַנ און די באַהעפּטקײַט האָבנ געשאַפנ די מעכטיקײַט פונ אלעקסאנדער נעווסקיס כאַיל און האָבנ אימ געגעבנ די מעגלעכקײַט אפּ פיצ-פיצלעכ צעקלאַפּנ די דײַטשישע קלאָווימ די ריטערס. „אלעקסאנדער נעווסקי, — ווי מארקס דריקט זיכ אויס, — ... צעקלאַפּט זיי אפ דער טשודער אָזערע, אזוי אז די אויסוווּרפנ זײַנענ ענדגילטיק אָפּגעוואָרפנ געוואָרנ פונ דער רוסישער גרענעצ".

די לעקציע פונ דער שלאכט אפנ אײַז האָבנ די דײַטשישע ריטערס פארגעדענקט אפ לאנג. אינ 1269 יאָר האָבנ זיי זיכ ווידער געפּרווּוט א רוק טאָנ אפ פּסקאָוו, נאָר מע האָט זיי אָפּגעשלאָגנ. זיכ דערוווּסט וועגנ דעמ, אז עס דערנעענטערט זיכ דאָס נאָווגאָראָדער כאַיל, האָבנ די ריטערס ניט ריזיקירט פאָרצוזעצנ דעמ מארש און האָבנ געמאכט פליטע. „און גאָרנישט ניט האָבנ זיי באוויזנ, נאָר געכאַפּט גרויסע קלעפּ... און געמאכט פליטע אפ יענער זײַט טײַכ".

א נײַער הארטנעקיקער צוזאמענשטויס מיטנ טעווטאָנישנ אָרדענ איז פאָרגעקומענ קימאט אינ 170 יאָר ארומ נאָכ דער שלאכט אפנ אײַז. די טעווטאָנישע ריטערס האָבנ געמאכט אָנפאלנ אפ ליטע, ווו די רוסישע פעל-קערשאפט און די רוסישע קולטור האָבנ געהאט א דאָמינירנדיקנ אײַנפלוס נאָכ דער פּאָליטישער פארייניקונג פונ ליטע מיט די צאָפנ-מײַרעווּדיקע ווּ-סישע לענדער. מיט זייערע אָנפאלנ זײַנענ די דײַטשישע ריטערס ניט ווייניק די יאָרנ דערגאנגענ אויכ די פּאָליאקנ.

ווידעראמאָל איז אויסגעקומענ די רוסנ, דאָס מאָל צוזאמענ מיט די ליטווינער און פּאָליאקנ, צו גראָמירנ די דײַטשישע ריטערס. די אנטשיידנ-דיקע שלאכט איז פאָרגעקומענ דעמ 15-טנ יול 1410 יאָר אפ דער טעריטאָריע פונעמ טעווטאָנישנ אָרדענ לעבנ גרינוואלד און טאנענבערג, אינ א ניט-באקוועמ וואלדיק-זומפּיקנ אָרט.

די ליטווינער, אפ וועלכע ס'האָט אָנגעגרײַפט דער סוינע, האָבנ צוזא-מענ מיט די פּאָליאקנ געמומענ אָפּטרעטנ. די לאגע האָט אָבער געראטע-וועט דאָס רוסישע מיליטער. דרײַ סמאָלענסקער פּאָלקנ זײַנענ געבליבנ אפנ אָרט און האָבנ העלדיש געשלאָגנ זיכ מיטנ סוינע. איינ פּאָלק איז צע-קלאַפּט געוואָרנ און איז אומגעקומענ אינ דער שלאכט, דערפאר אָבער

האָבן די צוויי אַנדערע אויסגעהאַלטן די ווילדע אַטאַקע פון די ריטערס און האָבן זיך פאַרייניקט מיטן גרונט-קערן פונעם מיליטער.

די שלאַכט איז באַנײַט געוואָרן מיט אַ נײַער קראַפט, און צו אָוונט-צו האָט דאָס רוסיש-ליטווישע מיליטער פולשטענדיק צעשמעטערט די טעווטאָנישע ריטער. דער מאַגיסטער פונעם אָרדען און די מעיוכעסדיקע ריטער זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן. אַרום און אַרום האָט דער אָרדען פאַר-לאָרן אין דער שלאַכט בא 50 טויזנט דערהאַרגעטע און אַן ערעך 40 טויזנט געפאַנגענע.

די טעווטאָנישע ריטער זײַנען געצוווּנגען געווען צו בעטן שאָלעם, אָפּגעבן צו ליטע זשמוד, וועלכע האָט זיך אין רעזולטאַט פונעם זיג פון רוס און פון ליטע באַפרײַט פון די פאַרכאַפּער.

שפּעטער-צו, אין 1467 יאָר, איז דער טעווטאָנישער אָרדען אַפילע גע-וואָרן אַ וואַסאַל פון דער פויליש-ליטווישער מעלוכע.

נאָך ביז זײַן קומען צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד האָט דער באַנ-דיט היטלער, פלאַנירנדיק זײַן איצטיקן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד, געשריבן, אַז דערוועלבן נײַע טעריטאָריעס אין אייראָפּע האָפן די דײַטשישע פאַשיסטן אויפן כעזשבן פונעם ראַטנפאַרבאַנד, בעדייע האָבנדיק זיך רוקן אויפן מיזרעך מיט דעם זעלבן וועג, מיט וועלכן עס זײַנען אַמאָל געגאַנגען די קלאָווים די ריטערס פון די דײַטשישע אָרדענס.

דער הויפּט פון די דײַטשישע פאַשיסטן האָט פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז אים און זײַן מיליטער וועט אויסקומען צו מאַכן פּלייטע איבער דעם זעלבן וועג, איבער וועלכן די דײַטשישע פאַרכאַפּער, די „אורעלטערן" פון די דײַטשישע פאַשיסטן, האָבן ניט איין מאָל געמאַכט פּלייטע, צעקלאַפּטע דורכן רוסישן פאָלק.

II. אויף די פעלדער פון ליוואָניע

פון דער מיט XV יאָרהונדערט הייבן אָן נאָווגאָראָד און באַזונדערס פּסקאָוו אַלץ אָפטער און אָפטער צו ווענדן זיך אין מאָסקווע נאָך הילף קעגן דעם אָנגרײַף פון די ליוואָנישע דײַטשן.

אלס ענטפער אפ די דאָזיקע ביטעס פלעגט געוויינלעך, פונקט ווי זיין פאָטער, דער גרויסער מאָסקווער פירשט איוואַן דער III שיקן מאָסקווער כאַיל, וואָס פלעגט צוזאמענ מיטנ פסקאָווער אָפּוואַרפנ די דייטשנ אונ דערלאַנגענ זיי קלעפּ אפ דער טעריטאָריע פונ די דייטשישע ריטער.

די ריטערס האָבנ מיט גרויס אומרו געקוקט אפנ וווּקס פונ דער וויסישער מעלוכע, דערופ, וואָס מאָסקווע פארשטארקט זיך אונ עס פאראייניקנ זיך ארום איר די רוסישע לענדער. זיי האָבנ געטרוימט וועגנ דעם, אז דאָס רוסישע לאנד זאָל זיך ווידער צעפאלנ אפ אודעלנע פירשטנטומס, מיט וועלכע די פארכאפּער איז לייכטער געווענ צו קעמפנ.

דער קעניגסבערגער קאָמאנדאָר פונעמ אָרדענ האָט געשריבנ צו זיינ מאגיסטער: „דער אלטער רוסישער הערשער רעגירט צוזאמענ מיט זיינ אייניקל איינער אליינ איבער אלע לענדער, אונ די זינ זיינע דערלאָזט ער ניט צו צומ רעגירנ, ער גיט זיי ניט קיינ אודעלנ. דאָס איז פארנ מאגיסטער פונעמ ליוואָנישנ אָרדענ זייער שעדלעך. זיי (די ליוואָנישע ריטערס) קאָנענ ניט ביישטיינ קעגנ אזא קראפט, וואָס איז קאָנצענטרירט אינ איינע הענט". די דאָזיקע קראפט האָבנ די דייטשישע פארכאפּער אינגיכנ דערפילט אפ זיך אליינ.

אינ 1501 י. האָבנ די רוסנ אפ פיצ-פיצלעך צעקלאפט די ליוואָנישע ארמיי לעבנ דער ליוואָנישער פעסטונג העלמעד: „אונ געשלאָגנ האָט מענ די פארפלוכטע דייטשנ אפ צענ ווערסט די ווייט אונ מע האָט זיי ניט איבערגעלאָזנ קיינ סאָריד-אופאָליט. אונ ניט מיט קיינ שווערדנ גלאנציקע האָט מענ זיי געשניטנ, נאָר געשלאָגנ האָבנ זיי די מאָסקווער... די דאָזיקע כאזיירימ מיט זעקסקאנטיקע שטעקנס".

אונ אינ 1502 יאָר האָבנ די רוסנ אזוי „אָנגעלערנט" די דייטשישע ריטער, אז אינ די רייענ פונ די ריטערישע פאָלקנ, וועלכע זיינענ אנטלאָפנ פונ דער רוסישער שטאָט אָסטראָוו, וועלכע זיי האָבנ געהאט פארכאפט, האָט אויסגעבראָכנ אנ עפּידעמיע פונ דיזענטעריע.

לויט די אָנגאבנ פונ דער ליוואָנער כראָניק, האָט ליוואָניע פאר א קורצער צייט פארלאָרנ ביז 40 טויזנט מאנ געהארגעטע אונ געפאנגענע. דער פּרווו פונעמ אָרדענ צו פּראָקלאמירנ מיט דער הילף פונעמ פויפּסט א

קרייַץ-צוג קעגנ דער רוסישער מעלוכע איז דורכגעפאַלנ. די ריטערס האָבנ געמוזט שליסנ א שאָלעמ מיט דער רוסישער מעלוכע. לויטנ שאָלעמ-אָפּמאַכ האָט זיכ דער אָרדענ פאַרפּליכטעט צו אויסצאָלנ יערלעכ צינש דעמ מאָסקווער גרויס-פירשט פאַר דער ערד, וואָס האָט פריִער געהערט צו די רוסנ.

ליוואָניע האָט אָבער ניט אופגעהערט צו פירנ א קאַמפּ קעגנ דער רוסישער מעלוכע. זי האָט זיכ באַמיט צו האַלטנ מאָסקווע אינ א בלאָקאַדע, אָפּשנייַדנ זי פונ מייַרעוו-אייראָפּע. אזוי, לעמאָשל, האָט דער דערפּטער בישאָפּ אינ 1539 יאָר פאַרשיקט אומבאַוווּסט וווּהינ דעמ האַרמאַטנ-מייַסטער „דערפּאַר, ווייַל דער דאָזיקער מייַסטער האָט געוואָלט פאָרנ קיינ מאָסקווע דינענ דעמ קייסער". אינ צענ יאָר אַרומ זייַנענ דורכ די אינטריגעס פונעמ ליוואָנישנ אָרדענ פאַרהאַלטנ געוואָרנ 123 מייַסטערס, וואָס זייַנענ רעקרוטירט געוואָרנ לויטנ אופטראָג פונ דער מאָסקווער מעלוכע. איינעמ פונ די האַרמאַטנ-מייַסטערס, וואָס האָט זיכ דערקליבנ קיינ רוסלאַנד, האָט מענ אייַנגעזעצט אינ טורמע. ווענ ער איז פונ דאָרט אנטלאָפנ, האָט מענ אימ געכאַפּט אונ אָפּגעהאַקט דעמ קאָפּ.

פאַרשטייט זיכ, אז די דאָזיקע בלאָקאַדע האָט געבראַכט גרויס שאָדנ די אינטערעסנ פונ דער רוסישער מעלוכע, זי האָט געשטערט דער ווירטשאַפטלעכער אונ קולטורעלער אנטוויקלונג פונ דער מעלוכע. דורכרייַסנ די ליוואָנישע בלאָקאַדע האָט מענ געקאָנט ערשט דאַנ, ווענ די רוסישע מעלוכע האָט אייַנגענומענ דעמ באַלטישנ קאַנט.

אזוי ווי ליוואָניע האָט נאָכ דערצו ניט אויסגעפילט דעמ אָפּמאַכ, וואָס זי האָט געשלאָסנ מיט איוואַנ דעמ III, האָט דער קייסער איוואַנ דער IV וואַסיליעוויטש (דער גרויזאַמער) אָנגעהויבנ גרייטנ זיכ צו א מילכאָמע.

אינ 1544 יאָר, ווענ די ליוואָנישע שעלוכימ זייַנענ געפאָרנ קיינ מאָסקווע פירנ אונטערהאַנדלונגענ, האָבנ זיי געזענ, אז קיינ מייַרעוו פירט מענ אַפּ שליטנס פּראָוויאַנט, פּולווער, בליי. אַפּ די וועגנ זייַנענ איבער יעדע פיר-פינפ מייל אויסגעבויט גריבער — פּאָטשט-סטאַנציעס מיט ריזיקע פערדשטאַלנ.

אינ מאָסקווע האָט מענ די ליוואָנישע שעלוכימ דערמאָנט, ערשטנס,

אז דער ליוואָנישער אָרדען האָט רויבעריש פאַרכאַפּט טעריטאָריעס, וואָס געהערן ניט צו אים. „שוין זשע ווייסט איר ניט, — האָט מען זיי געזאָגט, — אַז אייערע אורפאָטערס זיינען פון יענער זייט יאַם געקומען קיין ליוואָניע און מיט קראַפט פאַרנומען די דאָזיקע ערד?"

צווייטנס, האָט מען די שעלוכים אָנגעוויזן, אַז דער ליוואָנישער אָרדען פירט זיך אויף פאַרעטעריש און פילט ניט אויס דעם אָפּמאַך. „אָט אַזוי געדענקט איר עס און היט אָפּ דאָס, וואָס איר אַליין האָט אָנגעשריבן און מיט אייער אייגענעם שטעמפּל געשטעמפּלט!", — האָט מען אין מאָסקווע געזאָגט צו די ליוואָנישע שעלוכים.

ווי מיר זעען, איז אין פראַט פון בריכן אָפּ אַ פאַרעטערישן אויפן די געגומענע פאַרפליכטונגען גייט דער היינטיקער פאַשיסטישער הונט היטלער אָפּן וועג פון די דייטשישע קלאָווים די ריטערס פון מיטלאַלטער.

די מילכאָמע מיט ליוואָניע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1558 יאָר. אין דער דאָזיקער מילכאָמע איז אָפּן צאַד פון די רוסן געווען די אָרטיקע באַפעלקערונג פון די ליוואָנישע לענדער, וועלכע דער אָרדען האָט באַצוווּנגען. די עסטן און די לעטן האָבן פיינט געהאַט טאַכלעס-סינע זייערע אונטערדריקער די ריטערס. אין דער צייט, ווען אין די ריטערישע שלעסער זיינען פאָרגעקומען אומענדלעכע מאָלצייטן, האָט די באַפעלקערונג זיך געשפייזט מיט אַ האָבער-גריץ, און בייס אַן אומגערעטעניש האָט מען זיך געשפייזט מיט קאָרע און וואָרצלען. די עסטן און די לעטן זיינען געווינט געווען צו זען דעם דייטש ניט אַנדערש ווי מיט אַ בייטש אין די הענט איבער זייער האַלדז, — זאָגט דער רוסישער היסטאָריקער קאָסטאָמאַראָוו. די ריטערס פלעגן ראָצכיש פייניקן די עסטן און די לעטן; פיל האָבן זיי לעבעדיקערהייט פאַרמויערט אין די שטיינערנע ווענט און אין די אונטערערדישע קעלערס פון זייערע שלעסער. אין אַ סאַך יאָרן אַרום, אין XVIII יה., האָט מען אויסגעפונען פאַרמויערטע סקעלעטן, דערצו נאָך אָפּט פאַרשמידטע אין קייטן.

און דערפאַר טאַקע — ווען דאָס רוסישע מיליטער איז אַריינגעטראָטן אין ליוואָניע, פלעגן די עסטן און לעטן קומען האַמוינימווייַז צו די מאָסקווער פאָלקן און בעטן אָנצונעמען זיי אַלס מאָסקווער אונטערטאַנען.

זיי האָבן אָנגעהויבן אָנפאַלן אַף די פאַרהאַסטע ריטערס און כאַרעוו מאַכן זייערע מאַיאָנטקעס.

דעם צאַר איוואַן וואַסיליעוויטשעס מיליטער האָט אָפּגעהאַלטן גלענצנדיקע ניצחונות. נאַרווע, יוריעוו (וועלכן די דײַטשן האָבן אַ נאָמען געגעבן דערפּט) האָבן זיך אונטערגעגעבן די רוסן שוין אין דעם ערשטן יאָר פון דער מילכאָמע; אין 1560 יאָר זײַנען געפאַלן די שטאַרקע ליוואָנישע פעסטונגען — מאַריענבורג און פעלין; דאָס מאָסקווער מיליטער האָט באַדראָעט רעוועל.

די רוסישע פאָלקן זײַנען דורכגעגאַנגען דורך גאַנץ ליוואָניע — 150 ווערסט אין דער טיף און 100 ווערסט איבערן פראָנט.

„דער אומגליק אונדזערער איז שוין געווען גאָר נאָענט... — האָבן זיך דערנאָך געקלאָגט די ליוואָנישע כראָניק-שרײַבער. — צוליב אונדזער לײַכטזיניקײַט האָבן מיר ארויסגערופן און אָנגעהויבן די מילכאָמע".

אונטער די קלעפּ פונעם רוסישן מיליטער איז ליוואָניע צעפאַלן געוואָרן. איבער דער אַרײַנמישונג פון ליטע, דענעמאַרק, שוועדן און פון אַנדערע מעלוכעס האָט איוואַן דער IV ניט געהאַט קיין מעגלעכקײַט טײַקעפּ אָנצושליסן צו דער רוסישער מעלוכע די ליוואָנישע באַזיצן, — זיי זײַנען צעטיילט געוואָרן צווישן שוועדן און פוילן. בײַס דער הערשאַפט פון פּיאָטר דעם I זײַנען אָבער די געוועזענע טעריטאָריעס פון די ליוואָנער אָנגעשלאָסן געוואָרן צו רוסלאַנד.

III. דאָס רוסישע מיליטער אין בערלין

אין דער צווייטער העלפט XVIII יאָרהונדערט איז רוסלאַנד געווען גע-צוווּנגען צו פירן אַ מילכאָמע קעגן פּרײַסן סײַ קעדיי צו פאַרטיידיקן זײַנע דירעקטע אינטערעסן, סײַ קעדיי אויסצופילן די פאַרפליכטונגען בענעגייע די פאַרבינדעטע אייראָפּייִשע מעלוכעס — קוידעמקאָל בענעגייע פראַנקרײַך.

דער פּרײַסישער קיניג פרידריך דער II, וועלכן מע האָט געהאַלטן פאַר אַ גרויסן קריגס-פירער, איז, צוטרעטנדיק צו דער מילכאָמע, געווען איבערצײַגט,

אז ער איז שטאַרקער פאַר רוסלאַנד, און האָט זיך געקליבן פירן די מיל־כאָמע לויטן פּרינציפּ פון דער „צעשמעטערונגס־סטראַטעגיע". פרידריך האָט אויסגערעכנט אויף זײַן אַרמיי, וועלכע האָט זיך לויט דער געשוּלטקײַט, פֿייִקײַט צו מאַנעווּרירן, שנעל פאַנאַנדערצוּוויקלען זיך און איבערבויען זיך גערעכנט פאַר דער בעסטער אין אייראָפּע.

די פּרייסישע אַרמיי איז אָבער אין גרונט געווען אַן אַרמיי פון גע־דונגענע זעלנער, וועלכע מע האָט ווערבירט אין פאַרשיידענע לענדער און וועלכע האָבן געדינט פאַר געלט. זי האָט זיך געהאַלטן בלויז אויף דער גי־ריקײַט אַנצוּלעבן זיך און אויף דער שטרענגער שטעקן־דיסציפּלין. די סאָל־דאַטן פלעגט מען באַשטראָפן אָן ראַכמאָנעס. קעדיי ניט צו דערלאָזן קיין פאַלן פון דעזערטירערײַ, פלעגט מען געוויינלעך די מיליטער־לאַגערן אַרומרינגלען מיט א קייט פון אַזוינע מיליטער־טיילן, וואָס זײַנען אַמערסטן געווען איבערגעגעבן פרידריך דעם II, און בייס די שלאַכטן פלעגן הינטער די סאָלדאַטן־שערענ־געס שטיין ספּעציעלע רייען, קעדיי צו טרײַבן פאָרויס די אָפּשטייענדיקע.

די „דעזערציע" (דעזערטירערײַ) פלעגט אין דער פּרייסישער אַרמיי אָננעמען אַזוינע מאַסשטאַבן, אַז די פּרייסישע קאָמאַנדשאַפט האָט אָנגעהויבן אָפּשנײַדן בײַ די געכאַפּטע דעזערטירן די נעזער און די אויערן. אַזוינע צעקאַליעטשעטע מענטשן פלעגן גאַנצע אָפּטן אַריבערלויפן דעם פראָנט און אַליין קומען אינעם רוסישן לאַגער.

א פולשטענדיקן קעגנזאַץ צו דער אַרמיי פון פרידריך דעם II האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די רוסישע אַרמיי, וועלכע איז אין גרונט באַשטאַנען פון פויערים און פלעגט צונויפגעשטעלט ווערן דורך רעקרוטן־מאָביליזא־ציעס. „זיי האָבן אויסגעפילט די רעקרוטשינע־פליכט אַלס א שווערע נויט־ווענדיקײַט, — האָט געשריבן א מיליטערישער היסטאָריקער וועגן די רוסישע פויערים, — אָבער קוים האָבן זיי די רעקרוטשינע אָנגענומען, האָבן זיי זיך דע־רויף געקוקט ווי אויף א כויוו בענעגייע דעם היימלאַנד.

אַדאַנק אָט דער אַלגעמיינער ליבע צום היימלאַנד איז די רוסישע אַרמיי געווען אַן עכט נאַציאָנאַלע. פונדאַנען נעמט זיך די אײַזנפעסטע שטאַנד־האַפטיקײַט, די רויִקע מוטיקײַט, מיט וועלכע די רוסישע סאָלדאַטן פלעגן אויסהאַלטן יעטווידן אָנדראַנג פונעם סוינע און באַווײַזן בעסטע מוסטערן

פונ עכטנ הערָאָיזם... דערינ איז באשטאנענ דער קאָלאָסאלער פאָרצוג פונעם רוסישנ מיליטער לעגאבע פרידריכס ארמיי". ניט אומזיסט האָט ענגעלס געזאָגט, אז דאָס רוסישע פויערטום, וואָס איז „א פארהארטעוועטס, א שרעקלאָזס... אזא, וואָס איז פייִק בייַצוקומענ אלערליי שוועריקייַטנ... האָט מיט זיכ פאָרגעשטעלט אנ אויסגעצייכנטנ זעלנער-מאטעריאל"[1].

ניט געקוקט דערופ, וואָס די רוסישע ארמיי איז צום אָנהייב פונ דער מילכאָמע געוועזנ הינטערשטעליק לעגאבע דער פרייַסישער ארמיי אינ פראט פונ מיליטערישער געשולטקייַט, האָבנ די אויסלענדישע באָבאכטער אויסערגעוויינלעכ הויכ געשאצט איר מעכטיקייַט אונ איר קאמפס-גייַסט. איינער פונ די אויסלענדער האָט אזוי געשריבנ וועגנ די רוסישע סאָלדאטנ: „זיי לויפנ קיינמאָל ניט אונ האָבנ ניט קיינ מוירע פארנ טויט". א צווייטער אויסלענדישער באָבאכטער האָט געשריבנ: „...דער רוסישער סאָלדאט האָט ליב, אז די נאטשאלניקעס זאָלנ מיט אים ריידנ, אז מע זאָל האָבנ צוטרוי צו זייַנ מוטיקייַט, אז מע זאָל ניט האנדלענ אים צום שאָדנ אונ מע זאָל אים ניט גלעטנ איבערנ קעפל; האנדלענדיק אפ אזא אויפנ, קאָנ מענ אים פירנ אפילע אינ גענעם ארייַנ".

די מילכאָמע מיט פרייַסנ האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ 1756 יאָר. איינגיכנ איז קלאָר געוואָרנ, אז פרידריכ דעמ II-טנס פלענער לייַדנ אנ אנטשיידענעמ קראכ. דעמ 1-טנ אווגוסט 1757 יאָר זייַנענ די רוסישע אוואנגארד-טיילנ ארייַנגעטראָטנ אינעמ אייגנטלעכנ פרייַסנ, אונ שוינ דעמ 30-טנ אווגוסט האָט די רוסישע ארמיי אָפגעהאלטנ א גרויסנ זיג איבער די פרייַסנ בייס דער שלאכט בא גראָס-יעגערסדאָרפ.

די רוסישע סאָלדאטנ האָבנ אינ דער דאָזיקער שלאכט ארויסגעוויזנ אויסערגעוויינלעכע אנטשלאָסנקייַט. די ערשטע ליניע איז ווי זי האָט זיכ געשטעלט אפ די קני (בא א געשלאָסענעם געבוי פונ די רייענ פלעגט די ערשטע שערענגע שיסנ שטייענדיק אפ די קני), איז זי אזוי פארבליבנ אפ אנ אָרט, געשאָסנ אונ ניט מוירע געהאט פארנ אָנגריפ פונ די פרייַסנ. די שלאכט איז געוועזנ א פארביטערטע. איבער דעמ רויכ פונ דער שיסערייַ

[1] מארקס און ענגעלס, ב. XVI, ט. II, ז. 8.

פונביידע זייטנ האָט מענ ניט געקאָנט זענ די סאָלדאטנ. די דאָנער קאָזאקנ האָבנ אויסגענוצט א מיליטעריש שפיצל. זיי זיינענ ארויסגעפאָרנ מיט א הוקערדיקנ פאָרויס, אונ ווי נאָר זיי זיינענ צוגעריטנ צומ פראָנט פונ די פרוסאקעס, האָבנ זיי פארקערעוועט אפ צוריק, בעקיוונ מיטציִענדיק מיט זיכ דעמ קעגנער. די פרייסישע קיראסירנ האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ נאָכ זיי אינ דעמ שפאלט, וואָס ס'האָט זיכ געעפנט אינעמ פראָנט פונ אונדזער פעכאָטע. דער שפאלט איז אָבער גלייכ פארמאכט געוואָרנ, אונ די פרייסנ „זיינענ ארייננגעפאלנ, — ווי עס שרייבט א בייגעוועזענער, אנ אָנטיילנעמער פונ דער שלאכט, — ווי א מויז אינ שטייגל".

די רוסישע קאוואלעריע האָט אויסגעהאקט די פרייסישע קיראסירנ. עס האָט געטאָנ אירס אויכ די רוסישע פעכאָטע אונ ארטילעריע. אָט ווי א באאָבאכטער באשרייבט דעמ טאָפ פונ דער שלאכט:

„דער סוינע האָט א ציטער געטאָנ, איז עטוואָס אָפגעטראָטנ, האָט געוואָלט בעסער אויסשטעלנ דאָס מיליטער, עס איז שוינ אָבער ניט געוועזנ: אונדזערע האָבנ זיכ אפ אימ אָנגעזעצט אונ האָבנ אימ נישט געלאָזט קיינ איינ פרייע מינוט. דאנ איז די פריערדיקע פרייסישע געוואגטקייט פארוואנדלט געוואָרנ אינ פאכדאָנעס, אונ אינ דעמ טאקע אָרט, ניט לאנג געזאמט, האָבנ זיי זיכ א לאָז געטאָנ אפ צוריק אונ האָבנ גענומענ זוכנ רעטונג אינ דער רעטיראדע" (דאָס הייסט אינ דעמ צוריקטריט).

די פרייסנ האָבנ געהאט גרויסע פארלוסטנ — בלויז אונטערגעקליבענע אונ באגראָבענע טויטע קערפערס איז בא זיי געוועזנ העכער 3 טויזנט; דאָס רוסישע מיליטער האָט פארלאָרנ דערהארגעטע 1348 מאנ.

אינ 1758 יאָר האָט די רוסישע ארמיי איינגענומענ טילזיט אונ קעניגסבערג. די צווייטע גרויסע שלאכט איז פאָרגעקומענ אווגוסט 1758 יאָר לעבנ צאָרנדאָרפ. אויכ אינ דער דאָזיקער שלאכט האָט דאָס רוסישע מיליטער ארויסגעוויזנ מערקווירדיקע ביישפילנ פונ מוטיקייט אונ פעסטקייט. אונטער א מוירעדיקנ צויישאָעדיקנ ארטילערישנ פייער איז די פעכאָטע געשטאנענ אומבאוועגלעכ, „שרעקלאָז אונ אומגעהערט פעסט", ווי עס האָט נאָכדעמ מיטגעטיילט דער הויפט-קאָמאנדיר פערמאָר. די רוסישע קאוואלעריע אונ פעכאָטע האָבנ געצווונגענ די פרייסנ צו מאכנ פלייטע.

אין דער שלאכט זײַנען געװען פאר די רוסן אויך שװערע מאָמענטן, װען ס׳איז, לעמאָשל, פארכאפט געװאָרן די רוסישע באטאריי און די פרײַסישע קאװאלעריע האָט אַ קלאַפּ געטאָן די רוסן אין טיל און פלאנג. אָבער טאקע אין די דאָזיקע מאָמענטן האָבן זיך ארויסגעװיזן די מערקװירדיקע שלאכט-אייגנשאפטן פון די רוסישע סאָלדאטן.

„זיי, די קריגער, האָבן באװיזן די פרײַסן אַ בילד, װאָס קיין ענלעכעס האָבן זיי ביז איצט ניט געזען,— האָט געשריבן דער קאפּיטאן פון דער פרײַסישער ארמיי ארכענהאָלץ. — אויסשיסנדיק זייערע פּאטראָנעס, זײַנען זיי געשטאנען פעסט... פרישע פאָלקן האָבן פארביטן די רייען פון די דערהארגעטע... עס איז לײַכטער געװען צו דערהארגענען זיי איידער צו צװינגען אנטלויפן״.

פרידריך דער II פלעגט מיט אַ ציטער ריידן װעגן דער פעסטקײַט פון די רוסישע סאָלדאטן; װעגן דער דאָזיקער פעסטקײַט, װאָס האָט אים אַזוי איבערראַשט, האָט ער זיך אויסגעדריקט אַזוי: „דעם רוסישן סאָלדאט איז װייניק קענען דערהארגענען, מע דארף אים נאָכדעם נאָך קענען אװעקלייגן״.

אין דער שלאַכט אונטער צאָרנדאָרף זײַנען די פרײַסן באַגאַנגען שרעקלעכע רעציכעס איבער די שװער פארװוּנדעטע רוסישע סאָלדאטן. װי עס דערציילט דער זעלבער ארכענהאָלץ, האָט מען זיי „געװאָרפן אין די גריבער און באגראָבן צוזאמען מיט די טויטע״.

אין רעזולטאט פון דער שלאכט אונטער צאָרנדאָרף האָט די רוסישע ארמיי פארהיט פאר זיך אירע פּאָזיציעס. אין פאָלגנדיקן 1759 און דערנאָך אין 1760 יאָרן האָט די רוסישע ארמיי אין קאמף קעגן די פרײַסן זיך דערשלאָגן אומגעהערטע דערפאָלגן.

צום אָנהייב פון דער קאמפּאניע פון 1759 יאָר האָבן זיך אין באשטאנד פונעם רוסישן מיליטער ארײַנגעגאָסן נײַע פרישע קויכעס, עס האָט זיך פארבעסערט די ארטילעריע. אַן אויסשליסלעכע ראָליע האָט געשפּילט דאָס, װאָס אָנשטאָט דעם ניט אנטשיידענעם און װייניק-באװעגלעכן פערמאָר איז אלס נײַער הויפּט-קאָמאנדיר באשטימט געװאָרן פּ. ס. סאַלטיקאָװ.

סאלטיקאָװ איז געװען אופריכטיק איבערגעגעבן די אינטערעסן פונעם היימלאנד, האָט גאָרנישט ניט געזוכט באם צארישן הויף און איז געװען

אויסערסט באשיידן. „א גרויער אלטיטשקער, א קליינינקער, א פּראָסטינ-קער, אינ א ווײַסנ לאנד-מיליצישנ ראָק, אָנ שום באפּוצונגענ אונ פּאָמ-פּעזקײַטנ", — האָט געשריבנ וועגנ אימ אנ אָנטיילנעמער פונ דער מילכאָ-מע, דער שרײַבער באָלאָטאָװ.

דער דאָזיקער „פּראָסטינקער" אלטיטשקער, וואָס האָט זיכ אויסערלעכ מיט גאָרנישט ניט אויסגעטיילט, ער, וועמענ אפילע די רוסישע אָפיצערנ האָבנ זיכ ניט געקאָנט פאָרשטעלנ אינ דער ראָליע פונ א הויפּט-קאָמאנדיר, האָט אוועקגעפירט די רוסישע ארמיי אינ דער טיפ פונ פּרײַסנ. ניט ווײַט פונ פראנקפורט-אפ-אָדער, לעבנ קונערסדאָרפ, איז דעמ 12-טנ אווגוסט 1759 יאָר פאָרגעקומענ א גראנדיעזע שלאכט.

אינ אָנהייב פונ דער שלאכט איז א צײַטווײַליקער דערפאָלג געווענ אפנ צאד פונ די פּרײַסנ, וועלכע ס'איז געלונגענ צו פארכאפּנ 42 רוסישע הארמאטנ. פרידריכ דער II האָט שוינ געשיקט א מיטיילונג, אז ער זיגט. ער האָט זיכ אָבער צופיל צוגעײַלט.

אינעמ ווײַטערדיקנ גאנג פונ דער שלאכט איז פיל געווענ אָפּהענגיק דערפונ, ווער עס וועט פארנעמענ איינס א הויכ-אָרט. סאלטיקאָוו האָט שנעל אָנגענומענ די געהעריקע מיטלענ אונ געזיכערט אפנ אנטשיידנדיקנ באצירק פונ די פּאָזיציעס אנ איבערוואָג פונ די רוסישע קויכעס. אונטער א מוירעדיקנ ארטילערישנ אונ ביקסנ-פײַער פונ די רוסנ אונ פונ זייערע אטאקעס איז די גערימטע פּרײַסישע קאוואלעריע געלאָפנ אינ פּאניק אונ נאָכ איר — אינ פולער אומאָרדענונג — אויכ די פּעכאָטע. די רוסנ האָבנ פאר-טריבנ די פּרײַסנ אינ א זומפּ, האָבנ זיי פארניכטעט, א טייל גענומענ אינ געפאנגענשאפט; זיי האָבנ אויכ פארכאפּט א מאסע קריגס-אמוניציע. דירעקט אינ דער שלאכט האָט פרידריכ פארלאָרנ העכער 18500 מאנ, ניט רעכענענדיק די, וואָס האָבנ זיכ אָפּגעגעבנ אינ געפאנגענשאפט אונ זײַנענ זיכ צעלאָפנ אינ פארשיידענע ריכטונגענ. פונ דער פּרײַסישער ארמיי זײַנענ גאנצ געבליבנ נעבעכדיקע רעשטלעכ.

פרידריכ, וואָס האָט מיט פארצווייפלונג געטראכט וועגנ זעלבסטמאָרד, האָט נאָכ דער שלאכט געשריבנ: „...איכ בינ אומגליקלעכ, וואָס איכ לעב נאָכ... פונ אנ ארמיי פונ 48 טויזנט מאנ בלײַבט בא מיר ניט אפילע קיינ

3 טויזנט. ווענ איכ זאָג דאָס אלצ, לויפט אלצ, אונ איכ האָב מער ניט קיינ מאכט איבער די דאָזיקע מענטשנ... דעמ עמעס זאָגנדיק, האלט איכ, אז אלצ איז פארלאָרנ".

די שלאכט לעבנ קונערסדאָרפ האָט צונישט געמאכט יענעמ רומ, מיט וועלכנ ס'איז געוועג ארומגערינגלט דער נאָמענ פונ פרידריכ דעמ II אלס קריגספירער. די דײַטשישע פאשיסטנ, וואָס צעבלאָזנ פלײַסיק דעמ „קריגס-טאלאנט" אונ וואָס שאפנ א „קולט" פונ פרידריכ דעמ II, באמיִענ זיכ אומזיסט צו פארשווײַגנ די קאטאסטראָפישע מאפּאָלע, וואָס פרידריכ האָט געכאפט פונ דער רוסישער ארמיי לעבנ קונערסדאָרפ.

דער קונערסדאָרפער זיג האָט געעפנט דער רוסישער ארמיי דעמ וועג צו בערלינ, נאָר סאלטיקאָוו האָט געצויגנ מיטנ מארש. ער האָט געהאט וויניק קויכעס, עס האָט געפעלט פּראָוויאנט, פוראזש; די עסטרײַכער — „פארבינדעטע" אפנ וואָרט, פארעטער אינ טאט — האָבנ געזוענ אויסמײַדנ שלאכטנ. אינ צארישנ הויפ האָט מענ סאלטיקאָווג ניט ליב געהאט אונ מע האָט אימ געזוענ ווי ווײַט מעגלעכ שטערנ. אויס מוירע, ווי ער אליינ האָט געזאָגט, „צו פארלירנ די מענטשנ אונ פארטונקלענ דעמ רומ", האָט סאלטיקאָוו אָפּגעפירט די ארמיי אפ די ווינטערדיקע קווארטירנ.

דער מארש אפ בערלינ אונטער טשערנישאָווס קאָמאנדשאפט האָט זיכ אָנגעהויבנ ערשט סאָפ סענטיאבער 1760 יאָר. שוינ דעמ 3 אָקטיאבער זײַנענ לעבנ די ווענט פונ בערלינ געוועג די רוסישע קאזאקנ, אונ די רוסישע קאוואלעריע האָט פארנומענ די הויכפּונקטנ לעבנ דער ארומצוימונג פונ דער פאָרשטאָט, אפ דעמ לינקנ ברעג פונעמ טײַכ שפּרעע. בערלינ האָט זיכ געפּרוווט פארטיידיקנ מיט ארטילערישנ פײַער אונ דערנאָכ מיט דער הילפ פונ די אונטערגעקומענע מיליטער-טיילנ. אָבער נאָכנ אָנדראנג פונ די רוסנ האָבנ די דײַטשנ קאפּיטולירט, אונ 5 אזייגער פארטאָג דעמ 8-טנ אָקטיאבער איז די הויפּטשטאָט פונ פּרײַסנ (די איצטיקע הויפּטשטאָט פונ דײַטשלאנד) פארנומענ געוואָרנ דורכ דער רוסישער ארמיי. די שליסלענ פונ דער שטאָט, וועלכע זײַנענ אונטערגעטראָגנ געוואָרנ דער קייסעריניע יעליזאוועטא פּעטראָוונא, זײַנענ אָפּגעגעבנ געוואָרנ אפ אייביק אָפּצוהיטנ זיי אינ קאזאנער קאטעדראל אינ פּעטערבורג.

דאָס, וואָס די רוסנ האָבנ איינגענומענ בערלינ, האָט געמאַכט א קאָלאָסאַלנ איינדרוק אינ גאַנצ אייראָפּע. עס האָט געהאַלטנ דערבײַ, אז פּרײַסנ זאָל פולשטענדיק פארניכטעט ווערנ. בלויז יעליזאַוועטעס טויט אונ וואָס אפנ טראָנ איז ארויפ פּיאָטר דער III, וועלכער האָט דורכגעפירט א פּרײַנט־לעכע פּאָליטיק צו פרידריכ דעמ II, האָבנ געראַטעוועט דעמ פּרײַסישנ קיניג.

אָט אזוי האָט אינ דער 7-יאָריקער מילכאָמע די רוסישע ארמיי צע־שמעטערט דעמ בארימערישנ פּרײַסישנ קיניג אונ זײַנ מיליטער, ארויסווײַזנ־דיק דערמיט אויסשליסלעכע שלאַכטפייִקײַט, איניציאַטיווקײַט, טיפע איבער־געגעבנקײַט פונ די סאָלדאַטישע מאַסנ צו זייער היימלאַנד.

די 7-יאָריקע מילכאָמע איז געווענ א שלאַכט־קרייצונג פאר דעמ גרויסנ רוסישנ קריגספירער — דאַנ נאָכ יונגנ אָפיצער — א. וו. סוואָראָוו. סוואָראָוו האָט זיכ באַטייליקט אינ 1760 יאָר אינעמ מאַרש אפ בערלינ, אונ אינ פּאָלגנדיקנ יאָר האָט ער געשלאָגנ די פּרײַסנ, זײַענדיק שטאַב־נאַטשאַלניק פונעמ קאַוואַלעריע־אָטריאַד פונעמ גענעראַל בערג. אונטער שווײדינעצ האָט סוואָראָוו מיט 60 קאַזאַקנ 3 מאָל אַטאַקירט א מייע פּרײַסישע הוסאַרנ אונ זיי צעקלאַפּט. שפּעטער האָט ער זיכ ניט איינ מאָל געוואָרפנ אפנ סוינע, וואָס איז געווענ פיל גרעסער פונ אימ אינ צאָל, אונ אימ דערלאַנגט שטאַרקע קלעפּ.

אינ שפּיצ פונ 3 באַטאַליאָנענ האָט סוואָראָוו אונטער א שטאַרקנ פײַער מיט שטורעמ איינגענומענ די שטאָט האָלנאַו, דורכברעכנדיק די שטאָטישע טויערנ. ווי ער אליינ האָט געזאָגט, האָט ער „געטריבנ דעמ פּרײַסישנ אָטריאַד מיט באַגנעטנ דורכ דער גאַנצער שטאָט צו די טויערנ פונ דער צווייטער זײַט שטאָט אונ בריק, ביז זייער לאַגער, ווו מע האָט א סאַכ פונ זיי דערהאַרגעט אונ גענומענ געפאַנגענע".

אָנהייב XIX יאָרהונדערט האָט די רוסישע ארמיי געפירט א קאַמפּ קעגנ די פּרײַסנ בײַס דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע פונ 1812 יאָר. מע דאַרפ ניט פארגעסנ, אז שוינ די ערשטע כאָדאָשימ פונעמ דאָזיקנ יאָר האָט פּרײַסנ לויטנ אָפּמאַכ מיט נאַפּאָלעאָנענ זיכ פארפליכטעט צושטעלנ אימ 20 טויזנט מאַנ מיליטער צוליב דער פּאָרשטייענדיקער מילכאָמע מיט רוסלאַנד. בײַס דעמ נאַפּאָלעאָנישנ מאַרש האָט א פּרײַסישער קאָרפּוס פונ דער פראַנ־צויזישער ארמיי אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פונעמ גענעראַל גראַווערט אָקו־

פּירט ווײַסרוסלאַנד. די פּרײַסן האָבן געשטיקט די פּויערישע אופשטאַנדן און פּלעגן טרײַבן די ווײַסרוסישע און ליטווישע פּויערים אַפּ פּאַנשטשינע. די פּרײַסישע סאָלדאַטן האָבן זיך אין ווײַסרוסלאַנד פּאַרנומען מיט באַראַבעווען די באַפעלקערונג, מיט גנייווע און גזילע, רויִנירנדיק דאָס לאַנד.

צוזאַמען מיטן פראַנצויזישן מיליטער האָבן פיל פּרײַסן געפונען פאַר זיך א קייווער אָדער אַפּ די רוסישע שניייִקע פעלדער אָדער אין די וואַסערן פון בעריזינא.

IV. דער ברוסילאָווער דורכרײַס

די דערפאַרונג פון דער רוסישער אַרמיי אין די יאָרן 1914—1917 איז אַרײַן אינעם אײַזערנעם אינווענטאַר פון אונדזער קריגס־געשיכטע.

די דײַטשישע פאַשיסטן, וואָס ליבן ביזן הימל אַרײַן די דײַטשישע גענעראַלן פונעם פּעריאָד פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע — הינדענבורגן, לידענדאָרפן, באַמיִען זיך צו פאַרקלענערן די באַדײַטונג פונעם גרויזאַמען קעגנער פון דײַטשלאַנד און פון זײַנע פאַרבינדעטע אין דער ערשטער וועלט־מילכאָמע — פון דער רוסישער אַרמיי.

ס׳איז אָבער באַוווּסט, אַז די באַהויפּטונגען פון די פאַשיסטישע שרײַבערס אַפּ דער דאָזיקער טעמע זײַנען ליגנערישע.

ניט געקוקט דערויף, וואָס די רוסישע אַרמיי איז ניט צופרידנשטעליק באַזאָרגט געוואָרן מיט שלאַכט־עקיפּירונג און אַרטילעריע, האָט זי דאָך אין די יאָרן פון דער וועלט־מילכאָמע דערלאַנגט דעם דײַטשישן בלאָק א ריי גרעסטע מאַפּאָלעס.

דער בוילעטסטער בײַשפּיל פון די גלענצנדיקע אָפּעראַציעס פון דער רוסישער אַרמיי איז דער ברוסילאָווער דורכרײַס אַפּן דאָרעם־מײַרעווודיקן פראָנט זומער 1916 יאָר.

דער דאָזיקער דורכרײַס איז געמאַכט געוואָרן אין א שווערער פאַר דער רוסישער אַרמיי צײַט. צו האַרבסט־צו 1915 יאָר איז דאָס רוסישע מיליטער געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן פּוילן, גאַליציע, ליטע און קורלאַנד, ווײַל דער מײַרעוו־אייראָפּייִשער פראָנט האָט ניט געשטיצט רוסלאַנד מיט אָפּעראַציעס פון א גרויסן מאַסשטאַב.

פרילינג 1916 יאָר איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרשנעלערן דעם אַלגעמיינעם אָנגריף פון אַלע אַרמייען פון די פאַרבינדעטע. רוסלאַנד האָט געדאַרפט אָנהייבן דעם דאָזיקן אָנגריף די ערשטע דאַטעס מײַ (לויטן אַלטן סטיל).

דעם 14-טן אַפּרעל איז אין דער הויפּט-קוואַרטיר אין מאָלעוו פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון די קאָמאַנדירן פון די פראָנטן אָפּ צו באַהאַנדלען דעם פּלאַן פונעם פאָרשטייענדיקן אָנגריף. קורץ פאַר דער באַראַטונג איז אַלס קאָמאַנדיר פון דאָרעם-מײַרעוודיקן פראָנט באַשטימט געוואָרן דער גענעראַל א. א. ברוסילאָוו.

לויט דער מיינונג פון דער אויבער-קאָמאַנדשאַפט, איז דער דאָרעם-מײַרעוודיקער פראָנט ניט פייִק געווען צו אַקטיווע אָפּעראַציעס. ברוסילאָוו אָבער, וועלכער האָט גוט געוווּסט דיווירקלעכע זאַך-לאַגע, האָט זיך געהאַלטן פונקט בײַ אַ פאַרקערטער מיינונג.

אָפּ דער באַראַטונג פון די קאָמאַנדירן פון די פראָנטן האָט ברוסילאָוו דערקלערט, אַז דער דאָרעם-מײַרעוודיקער פראָנט איז ניט בלויז גרייט צום אָנגריף, נאָר ער האָט אַלע שאַנסן אָפּ דערפאָלג. ברוסילאָוו האָט דעריבער געפאָדערט, אַז מע זאָל דעם דאָרעם-מײַרעוודיקן פראָנט געבן אַ מעגלעכקייט פאָרצונעמען ברייטע אָנגרײַפערישע אָפּעראַציעס, און ער האָט זיך דאָס דערשלאָגן.

דער טאַלאַנטפולער קריגספירער ברוסילאָוו, וואָס האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו די אָפּעראַציעס אָפּן רוסישן פראָנט, האָט געזען, אַז אַ קאָנצענטרירטער קלאַפּ פון דער רוסישער קאָמאַנדשאַפט אין אַ וועלכן-ניט-איז איין פונקט פון פראָנט פלעגט אַלס קלאַל שטענדיק דורכפאַלן. די דײַטשן, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט די יעדיעס פון דער אויסשפּירונג, פלעגן געוויינלעך אָפריער זיך דערוויסן דאָס אָרט, ווו עס שטייט פאָר צו דערלאַנגען דעם קלאַפּ, און פאַרמאָגנדיק אַ ברייטע אײַזנבאַן-נעץ אָפּן פראָנט, פלעגן זיי באַצײַטנס צונויפציִען זייער מיליטער אָפּן געפערלעכן באַציריק. ברוסילאָוו האָט פאַרשטאַנען, אַז די אַלטע פאַרגליווערטע סכעמע טויג ניט אין די נײַע באַדינגונגען, זי קאָן ניט ברענגען צום זיג. אויב מע זאָל זיך אָבער אָנוואַלגערן אָפּן טוינע מיטאַמאָל לענגויס דעם גאַנצן פראָנט, וועלן די דײַטשן ניט קאָנען מאַנעווורירן מיט די רעזערוון און וועלן אַרײַנפאַלן אין אַ ניט גינסטיקער לאַגע. אין אַזוינע באַדינגונגען האָט אַ דורכ-

רײַס אױף אײנעם פֿון די באַצירקן געזאָלט ברענגען צו דערפֿאָלג. דערין איז עס טאַקע באַשטאַנען ברוסילאָװס פּלאַן.

אױפֿן דאָרעם־מײַרעװודיקן פֿראָנט האָבן זיך קעגן דעם רוסישן מיליטער געפֿונען שטאַרק באַפֿעסטיקטע פּאָזיציעס, װאָס האָבן אָנגעצײלט פֿון צװײ ביז פֿיר באַפֿעסטיקטע זאָנעס, אײנע פֿון דער צװײטער א 5—10 קילאָמע־טער די װײַט. יעדע באַפֿעסטיקטע זאָנע האָט געהאַט אין דער טיף ביז אָנדערהאַלבן — צװײ קילאָמעטער און איז באַשטאַנען פֿון דרײַ גרונט־ליניעס. די עסטרײַכער האָבן אױסגעבױט שטאַרקע װידערשטאַנד־קנופּן מיט דורכױ־סיקע ליניעס שוץ־גראָבנס צװישן זײ. די שוץ־גראָבנס זײַנען געװען צו־געדעקט מיט געדיכטע דראָט־פֿאַרצאַמונגען, ערטערװײַז עלעקטריפֿיצירטע; ענדלעך, פֿאַר דעם שטעכיקן דראָט זײַנען פֿאַרלײגט געװען פֿוגאַסן.

ברוסילאָװ האָט דורכגעפֿירט א מיזאַמע און שװערע אַרבעט אױף צו־גרײטן דעם אָנגריף פֿון דאָרעם־מײַרעװודיקן פֿראָנט. די לופֿט־אױסשפּירונג האָט פֿאָטאָגראַפֿירט פֿון אַעראָפּלאַנען דעם סױנעס אַלע באַפֿעסטיקטע פּאָ־זיציעס סײַ אױף דער שלאַכט־ליניע סײַ אױך אין הינטערלאַנד. לױט אָט די פֿאָטאָגראַפֿיעס האָט מען צונױפֿגעשטעלט א פּלאַן און דעם פּלאַן פֿאַרצײכנט אױף דער קאַרטע; אַלע קאָמאַנדירן האָבן געקראָגן דעטאַלע פּלענער פֿונעם סױנעס פּאָזיציעס. עס איז געגאַנגען א גרױסע אינזשעניערישע צוגרײטונג, עס איז קאָנטראָלירט געװאָרן די מיליטערישע געשולטקײַט פֿון די טײלן, די קאָאָרדינירונג פֿון דער פּעכאָטע און אַרטילעריע. גלײַכצײַטיק זײַנען אין טיפֿער געהײמניס צונױפֿגעצױגן געװאָרן צו דער ליניע פֿונעם פֿראָנט מילי־טער־טײלן; די טײלן פֿלעגן זיך דורך קאָמוניקאַציע־װעגן באַנאַכט אַרױס־רוקן פֿאָרױס און מאַכן שוץ־גראָבנס, אַרומצױמענדיק זײ מיט באַריערן פֿון שטעכיקן דראָט.

די מיליטער־טײלן, װאָס זײַנען געװען באַשטימט פֿאַר דער ערשטער אַטאַקע, זײַנען אַרױסגעפֿירט געװאָרן אױף דער שלאַכט־ליניע אומבאַמערקט, סאַכאַקל מיט עטלעכע טעג ביזן אָנהײב פֿונעם אָנגריף.

דעם 4־טן יונ 1916 י. צװישן 4 און 5 אַזײגער פֿאַרטאָג האָט זיך אָנגעהױבן איבערן גאַנצן דאָרעם־מײַרעװודיקן פֿראָנט א שטאַרקע אַרטילערישע קאַ־נאָנאַדע. אױפֿן באַצירק פֿון אײנער פֿון די אַרמײען האָט זי געדױערט 48 שאָ.

די סנאריאדנ האָבנ געעפנט א וועג דורכ די דראָט-פארצאמונגענ אונ האָבנ צעשטערט די שוצ-גראָבנס פונ דער ערשטער אונ טיילווײַז פונ דער צווייטער ליניע. נאָכדעמ איז דאָס מיליטער פונעמ פראָנט אריבער אינ אנ אטאקע. דאָ טאקע האָט זיכ געלאָזט פילנ די מעכטיקײַט פונ דער רוסישער ארמיי, די קראפט פונ איר אָנגרײַפערישנ דראנג.

די רוסישע סאָלדאטנ האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ אפ דעמ סוינעס שוצ-גראָבנס, פארנעמענדיק איינ ליניע נאָכ דער צווייטער, האָבנ געשלאָגנ דעמ סוינע איבער די פלאנגנ, ארויסטרײַבנדיק אימ פונ די פארפעסטיקונגענ, אָפּשלאָגנדיק אינ א באגנעטנ-שלאכט די קאָנטער-אטאקעס אונ באוועגנדיק זיכ ווי א לאווינע פאָרויס. דער וולאדימירער פאָלק האָט נאָכ דעמ, ווי ער האָט פארנומענ די פארפעסטיקונגענ פונ דעמ סוינע אינעמ ראיאָנ פונעמ דאָרפ צעבוראָוו, אָפּגעשלאָגנ זיבנ קאָנטער-אטאקעס פונעמ סוינע. אויסגעשאָסנ אלע פאטראָנעס, האָבנ זיכ די וולאדימירער א וואָרפ געטאָנ אפנ סוינע אינ אטאקע מיט באגנעטנ.

העלדיש האָבנ זיכ געשלאָגנ סײַ די טיילנ אינגאנצנ גענומענ סײַ באזונדערע סאָלדאטנ. דער סאָלדאט גלוביניאָוו האָט איינער אליינ זיכ פארקליבנ אינ דעמ סוינעס א שוצ-גראָבנ, דערשטאָכנ א פײַנטלעכנ קוילנ-ווארפלער אונ אוועקגעטראָגנ זײַנ קוילנווארפער צו די אייגענע, אָפּשלאָגנדיק זיכ פונעמ סוינע מיט גראנאטנ. דער סאָלדאט אָזשגיבעסאָוו האָט דערשטאָכנ מיטנ באגנעט 3 דײַטשנ, וואָס האָבנ זיכ א וואָרפ געטאָנ אפ אימ, אונ צוזאמענ מיט די כאווײרימ, וואָס זײַנענ אונטערגעקומענ צו אימ, האָט ער פארכאפט בא די דײַטשנ א שטורעמ-הארמאט. אזוינע בײַשפּילנ איז געווענ א סאכ.

שוינ אינ דרײַ טעג ארומ איז די עסטרײַכישע ארמיי פונעמ ערצהערצאָג יאָסיפ-פערדינאנד געווענ פולשטענדיק צעשמעטערט. זי האָט פארגעשטעלט מיט זיכ א האמוינ וואָפּנלאָזע מענטשנ, וואָס איינע פונ זיי זײַנענ אינ פאניק געלאָפנ דורכ לוצק, ווארפנדיק אלצ אפ זייער וועג, אונ די אנדערע האָבנ זיכ מאסנווײַז אָפּגעגעבנ אינ געפאנגענשאפט. דאָס עסטרײַכישע אָפיצערנטום איז געווענ דעמאָראליזירט אונ האָט געוואָרפנ זײַנע טיילנ אפ גאָטס באראָט. סאָפ טאָג דעמ 7-טנ יונ האָבנ די רוסישע טיילנ פארכאפט די שטאָט לוצק, דורכרײַסנדיק די עסטרײַכישע פּאָזיציעס אפנ פראָנט אפ

א שטרעקע פון 70—80 קילאָמעטער די ברייט און 25—30 קילאָמעטער די טיפ.

די עסטרײַך-דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט איז אַרײַנגעפאַלן אין פּאַניק. אַפן דער באַראַטונג פון די שעפן פון די גענעראַל-שטאַבן פון די צענטראַלע מעלוכעס אין בערלין איז לויט דער פאָדערונג פון די דײַטשן באַשלאָסן געוואָרן אָפּצושטעלן דעם אָנגריף פון די עסטרײַכער אין איטאַליע. די עסטרײַכער און די דײַטשן האָבן צונויפגעזאַמלט אַלע זייערע רעזערוון, כדי ווי-ניט-איז אויסצובעסערן די לאַגע. ווי עס האָט זיך מודה געווען דער הויפּט-קאָמאַנדיר פון דער דײַטשישער אַרמיי פאַלקענהײַן, האָבן די דײַטשן לאַכלוטן ניט דערוואַרט אַזאַ קלאַפּ, ווי דער ברוסילאָווער. דאָס איז געווען א קלאַפּ, „ווי א דונער אינמיטן העלן טאָג”, — האָט געזאָגט פאַלקענהײַן. ליודענדאָרף האָט געשריבן, אַז דער ברוסילאָווער דורכבראָך איז געווען „איינער פון די סאַמע ערנסטע קריזיסן אַפן מיזרעך-פראָנט”.

דער אָנגריף פון ברוסילאָווס אַרמייען איז אַלץ ברייטער געוואָרן; דעם 28-טן יול האָט דאָס רוסישע מיליטער פאַרנומען בראָד. די פאַרלוסטן פון די עסטרײַכער און דײַטשן זײַנען געווען קאָלאָסאַלע. זיי האָבן פאַרלאָרן העכער אָנדערהאַלבן מיליאָן מאַן — דערהאַרגעטע און פאַרוווּנדעטע. דאָס רוסישע מיליטער האָט גענומען אין געפאַנגענשאַפט 8924 אָפיצערן, 480 טויזנט סאָלדאַטן, האָט פאַרכאַפּט 580 האַרמאַטן, 450 באָמבע-וואַרפער און מינען-וואַרפער, 1800 קוילנוואַרפער, גרויסע סקלאַדן מיט ביקסן, פּאַטראָנעס, סנאַריאַדן, האַנט-גראַנאַטעס און פיל אַנדערע קריגס-מאַטעריאַלן.

דער מײַרעוו- און צאָפן-פראָנטן האָבן ברוסילאָוון ניט געשטיצט. בא אַנדערע אומשטענדן וואָלטן די רעזולטאַטן פונעם דורכבראָך געווען נאָך גרעסער. אָבער אַפילע אַזוי, ווי דער אָנגריף איז דורכגעפירט געוואָרן, האָט ער באַטײַט א זיג פון קאָלאָסאַלער וויכטיקייט.

אונדזער מיליטער האָט אײַנגענומען דעם סוינעס פּערפעסטיקטע פּאָזיציעס, וועלכע די פײַנט האָבן געהאַלטן פאַר אַבסאָליוט ניט צוטריטלעך. א באַדײַטנדיקער טייל טעריטאָריעס איז צוריק אומגעקערט געוואָרן צו רוסלאַנד; עס איז צוריק דעראָבערט געוואָרן א טייל מיזרעך-גאַליציע און גאַנץ בוקאָווינע.

ברוסילאָווס דערפאָלג האָט פאַרלײַכטערט די לאַגע פון די ענגלענדער

און פראנצויזן אפן מיירעוו־פראָנט, האָט געראטעוועט פון צעגראָמירונג איטאליע, האָט געשטויסן רומעניע אריבערצוגיין אפן צאד פון דער אנטאנטע.

אלע פּלענער און האשערעס פונעם דייטשישן בלאָק, וואָס זיינען געווען פאר־בונדן מיט דער קאמפאניע פון 1916 יאָר, זיינען צעשטערט געוואָרן. דער ברוסילאָווער דורכבריך איז געווען דער וויכטיקסטער עטאפ אינעם גאנג פון דער גאנצער ערשטער וועלט־מילכאָמע, וואָס האָט זיך פארענדיקט מיט דער מיליטערישער צעשמעטערונג פון דייטשלאנד און פון אירע פארבינדעטע.

פאר דעם גלענצנדיקן דערפּאָלג פונעם אָנגריף אפן דאָרעם־מייַרעוודיקן פראָנט האָט די רוסישע אַרמיי געהאט צו פארדאנקען די רוסישע סאָל־דאטן און דעם סטראטעגישן טאלאנט פונעם קריגספירער ברוסילאָוו.

V. די צעגראָמירונג פון די דייטשישע אינטערווענטן אין 1918 יאָר

שלאָגן די דייטשישע פארכאפּער איז אונדזער פאָלק ווידער אויסגע־קומען נאָך דער גרויסער אָקטיאבער־רעוואָליוציע.

אויסנוצנדיק דעם פּאראט פונעם פאררעטער טראָצקי בייס די שאָלעם־אונטערהאנדלונגען אין בריסק, איז דער דייטשישער אימפעריאליזם דעם 18־טן פעווראל 1918 יאָר אריבער אין אָנגריף אפ דער יונגער סאָוועטישער רעפּובליק. קימאט 30 דייטשישע דיוויזיעס זיינען געגאנגען דורך לעטלאנד און עסטאָניע אפ רעוועל, און פון דאָרט צו נארווע, פארנעמענדיק דווינסק און דורכשלאָגנדיק זיך צו פּסקאָוו, קעדיי צוצוגיין צו פּעטראָגראד פון דאָרעם־מייַרעוו און צאָפן־מייַרעוו. אין פּעטראָגראד גופע האָבן די דייטשישע שפּיאָנען זיך געגרייט צו העלפן דעם אָנגרייפנדיקן מיליטער דורך איינ־אָרדענען א בונט אין שטאָט. די טראָצקיסטיש־בוכאריניסטישע פארשווערער האָבן צו־זאמען מיט די לינקע עסערן זיך געגרייט אויסצונוצן די שווערע לאגע פונעם לאנד צוליב אן אנטיסאָוועטישער קאָנטררעוואָליוציאָנערער איבערקערעניש.

דעם 21־טן פעווראל האָבן די גרויסע פירער פונעם סאָוועטישן פאָלק לענין און סטאלין דערקלערט, אז דאָס סאָציאליסטישע פאָטערלאנד איז אין געפאר.

„דער דייטשישער מיליטאריזם, — איז געשטאנען אינעם אופרוף פונעם ראטפאָלקאָם, — וויל דערשטיקן די רוסישע און אוקראינישע ארבעטער און

פויערימ, אומקערנ די ערד די פּריצימ, די פאבריקנ אונ זאוואָדנ — די באנקירנ, די מאכט — דער מאָנארכיע. די דייטשישע גענעראלנ ווילנ איינשטעלנ זייער „אָרדענונג“ אינ פעטראָגראד אונ אינ קיעוו... דער הייליקער כויוו פונ די ארבעטער אונ פויערימ אינ רוסלאנד איז מעסירעסנעפעשדיק פארטיידיקנ די רעפּובליק פונ די ראטנ קעגנ די כאיאָלעס פונעמ בורזשואז-אימפעריאליסטישנ דייטשלאנד“.

דער ראטפאָלקאָמ האָט געפאָדערט אָפּצוגעבנ אלע קויכעס אונ מיטלענ פונעמ לאנד פאר דער רעוואָליוציאָנערער שוצ, פארטיידיקנ יעטווידע פּאָזיציע ביזנ לעצטנ טראָפנ בלוט, צעשיסנ אפנ אָרט פונ פארברעכנ די דייטשישע שפּיאָנענ אונ די אלע, וואָס העלפנ מיט דעמ סוינע.

אפ לענינס אונ סטאלינס רופ האָט זיכ אָפּגערופנ דאָס גאנצע לאנד. אינ פעטראָגראד האָבנ זיכ לויט אליארמיר-סירענעס אויסגעשטעלט אינ שלאכטרייענ ארבעטער-אָטריאדנ אונ זיכ געלאָזט אפנ פראָנט. די מאטראָסנ האָבנ איבערגעלאָזט די פאנצער-שיפנ אונ זייערע אוועק אפ די שלאכט-פּאָזיציעס. פונ מאָסקווע זיינענ ארויסגעפאָרנ אפנ פראָנט רעוואָליוציאָנערע אָטריאדנ. עס האָבנ זיכ גענומענ צומ געווער די ארבעטער פונ טולע, איוואנאָוואָ, יאראָסלאוול, טווער, לוגאנסק.

אונטער פּסקאָוו, וואָס די דייטשנ האָבנ פארנומענ, האָבנ די אָטריאדנ פונ דער יונגער רויטער ארמיי געגעבנ א צעשמעטערנדיקנ אָפּשטויס די פארייסענע דייטשישע פארכאפּער.

שטארקע אינ גייסט אונ אנטשלאָסנקייט צו צעקלאפּנ דעמ סוינע, האָבנ די רויטארמייער געבראכט א מאפּאָלע דעמ דייטשישנ מיליטער בא די דערפער טשערניאקאָוויצי, אוגלי, יאכנאָוו, האָבנ פארכאפּט געפאנגענע, וועלאָסיפּעדנ, געווער, אמוניציע אונ האָבנ ארָאָפּגעקלאפּט צוויי דייטשישע אעראָפּלאנענ. די פרעכ געוואָרענע רויבער, וואָס האָבנ ניט דערווארט אזא „באגעגעניש“, זיינענ געוועזנ געצוווּנגענ אָפּצוטרעטנ צו פּסקאָוו.

דער העראָיזמ פונ דער רויטער ארמיי אינ די שלאכטנ קעגנ די דייטשנ איז בעעמעס געווענ אנ אויסשליסלעכער. „אינעמ דאָזיקנ פּעריאָד, — איז געזאָגט געוואָרנ אינ באפעל פונעמ קאָמאנדיר פונ די אָטריאדנ פונעמ פּסקאָווער אוואנגארד, — האָבנ אלע קאָנקורירט איינער מיטנ צווייטנ אינ

דער שטרעבונג צו ברענגען וואָס מער נוצן אינעם פאַרטיידיקן די ראַטן-רעפּובליק".

דער טאָג, ווען עס איז געגעבן געוואָרן דער אָפּשטויס די דײַטשישע אינטערווענטן, — דער 23 פעברואַר — איז געוואָרן דער יאָר-יערלעכער יאָם-טעוו פון דער רויטער אַרמיי. ניט געקוקט דערויף, וואָס די דײַטשישע פאַרכאַפּער האָבן אונטערגעשריבן דעם בריסקער שלום, האָבן זיי דאָך פאָרגעזעצט זייער נידערטרעכטיקע אַרבעט. אָנהייב אַפּריל 1918 י. האָט דאָס דײַטשישע מיליטער אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון דעם גענעראַל פאָן-דער-האָלץ זיך אַרויסגעזעצט אויפן דאָרעם-ברעג פון פינלאַנד און האָט געהאָלפן די פינישע ווײַסגוואַרדייער בעראָש מיטן באַראָן גענעראַל מאַנער-היים צו דערטרינקען אין בלוט די רעוואָלוציע פונעם פינלענדישן אַרבעטער-קלאַס.

אינעם פינישן אײַנגוס האָט זיך באַוויזן דער דײַטשישער פלאָט. די אינטערווענטן האָבן געגרעכנט האַלטן אונטער באַדראָונג פּעטראָגראַד. זיי האָבן אויך אויסגערעכנט צו פאַרכאַפּן אונדזערע קריגס-שיפן, וואָס האָבן זיך געפונען באַם פינישן ברעגלאַנד, נאָר זיי האָבן געהאַט אַ טאָעס אין כעזשבנן, — די סאָוועטישע יאַם-לײַט האָבן באַוויזן צו ברענגען די שיפן פונעם רויטן פלאָט קיין קראָנשטאַדט גאַנצערהייט.

פון דאַנען אָן, פון 1918 י., האָט זיך אָנגעהויבן דער מיליטערישער בונד פון דער דײַטשישער און פינלענדישער רעאַקציע. דעמלט האָט דאָס מיליטער פונעם קייזער ווילהעלם געהאָלפן מאַנערהיימס ווײַסע באַנדעס; איצט העלפט דאָס ווײַספינישע מיליטער פון דעם זעלבן מאַנערהיים היטלערס מיליטער אינעם מערדערישן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד.

פרילינג 1918 י. האָט דײַטשלאַנד אַ רוק געטאָן זײַן 30-טויזנטיקע אַרמיי אויף אוקראַינע און ווײַסרוסלאַנד.

די דײַטשישע אימפּעריאַליסטן האָבן אויסגערעכנט צו באַראַבעווען אוק-ראַינע, קעדיי צו פאַרבעסערן זייערע דערנערונגס־געשעפטן, פאַרכאַפּן די קוילן פונעם דאָנעצער באַסיין און זיך דורכרײַסן צו דער באַקוער נאַפט.

דײַטשלאַנדס פּלאַן איז באַשטאַנען אין צעגלידערן דאָס ראַטנלאַנד, פאַרכאַפּן אַ קאָלאָסאַלן טייל סאָוועטישע טעריטאָריעס, אופשטעלנדיק דאָרטן דעם צאַריזם, די מאַכט פון די פריצים און פון דער בורזשואַזיע.

„די גרויזאמע שאָ האָט געשלאָגנ! — האָט דאנ געשריבנ אינעמ אופרופ צו די ארבעטער פונ דאָנבאס דער כאווער וואָראָשילאָוו, רופנדיק זיי צומ קאמפ קעגנ די פארכאפער. — די דײַטשישע ווײַסגווארדייער האָבנ אונטער א טריומפירנדיקנ געהויל פונ דער רוסלענדישער בורזשואזיע זיכ א רוק געטאָנ אפ אונדזער טײַערער, אפ אונדזער רוסלענדישער סאָוועטישער פעדעראטיווער סאָציאַליסטישער רעפובליק, וואָס איז באוואשנ מיט אונדזער אייגנ בלוט...

...כאווערימ! אינ אונדזערע הענט ליגט אונדזער אייגענער גורל.

...פאר אונדז איז דער עמעס! אינ אונדז איז די קראפט! מיר וועלנ זיגנ!"

די קאמפאניע, וועלכע די דײַטשישע גענעראַלנ האָבנ זיכ פאָרגעשטעלט ווי א לײַכטנ שפאציר, האָט זיכ פארוואנדלט אינ א דויערנדיקנ, שווערנ קאמפ, וואָס פאָדערט קאָלאָסאלע קויכעס. די העלדישע באשיצונג פונ כערסאָנ, וואָס האָט געדויערט צוויי וואָכנ, דער קאמפ פונ די ארבעטער פונ ניקאָלײַעוו, די באשיצונג פונ דאָנבאס אונטער וואָראָשילאָווס אָנפירונג, דער לעגענדארער מארש פונ דער וואָראָשילאָווער קאָלאָנע — פונ כארקאָוו קיינ צאריצינ, דער קאמפ פונ די קיִעווער, אָדעסער אונ יעקאטערינאָסלאווער רויטגווארדייער — דאָס אלצ האָט איידעס געזאָגט וועגנ דעמ קאָלאָסאלנ ווידערשטאנד, וואָס דאָס אוקראַינישע פאָלק ווײַזט ארויס אינ דער פאָטערלענדישער מילכאָמע קעגנ דער פרעמדלענדישער אינוואזיע פונ די אימפעריאַליסטנ. די קויכעס זײַנענ אָבער ניט געווענ קיינ גלײַכע, אונ דאָס דײַטשישע מיליטער האָט פארכאפט אוקראַינע, ווײַסרוסלאנד, קרימ אונ פסקאָוו.

זיי האָבנ אינ א פולנ פארנעמ אופגעשטעלט די בורזשואז-פריצישע דיקטאטור; די פאבריקנ אונ זאוואָדנ זײַנענ אומגעקערט געוואָרנ די קאפיטאליסטנ, די ערד איז אָפגענומענ געוואָרנ בא די פויערימ אונ אומגעקערט געוואָרנ די פריצימ.

די דײַטשישע אינטערווענטנ האָבנ געבראכט אפ אוקראַינע קאָלאָניאַלע קנעכטשאפט, הונגער, דאלעס, פארגוואלטיקונג, א רעזשימ פונ טליִעס אונ צעשיסונגענ. אינעמ דאָרפ טראָיאנקע, פאָדאָלער גובערניע, האָבנ די אינטערווענטנ מיט שמיצ צונויפגעטריבנ די פויערימ אפ א סכאָד. איינעמ פונ די פארכאפער האָט זיכ אויסגעוויזנ, אז דער אלטער פויער פאָמא האלושקאָ

האָט קלוימערשט א שמייכל געטאָן. דער אינטערווענט האָט ארויסגעכאפּט דעם רעוואָלווער און דערשאָסן דעם אלטן. אין אנדערע דערפער האָט מען די פויערים צעשאָסן פון קוילנוואַרפער, געהאנגען אפ די פלעצער; די דערפער פלעגט מען פארניכטן מיט ארטילערישן פייער, איבער דער באפעלקערונג פלעגט מען זיך שרעקלעך איזדיעקעוועט.

גלייכצייטיק האָבן די דייטשישע אינטערווענטן אפ אן אומגעהערטן אופן בארויבעוועט אוקראינע. זיי האָבן ארויסגעפירט אלץ — ברויט, צוקער, פלייש, אויסשטאטונג פון זאוואָדן, וועש, צוועקעס, קראָכמאל, פערד-געשפאן. זיי האָבן אָפּגעשיקט קיין דייטשלאנד גאנצע שמאָל-קאָלייִקע אייזנבאנען — רעלסן צוזאמען מיט וואגאָנעטקעס.

דאָס דייטשישע מיליטער האָט בארויבעוועט די איינוווינער, צעקלאפּט זייערע קופערטן, צוגענומען קליידער, געלט, שטוב-זאכן.

די דייטשישע אימפּעריאליסטן האָבן שוין געטרוימט וועגן דעם, אז אוקראינע וועט אפ שטענדיק ווערן זייערע א קאָלאָניע. דער דייטשישער געזאנדטער אין קיִעוו מום האָט אין זיינע בריוו קיין דייטשלאנד, ניט שועמענדיק זיך, געמאָלדן, אז די רעגירונג פון העטמאן סקאָראָפּאדסקי, וואָס די דייטשן האָבן אוועקגעזעצט אין אוקראינע, „איז בלויז א ליאלקע אין אונדזערע הענט, און די רעגירונגס-פאראָרדענונגען באדינען אויסשליסלעך אונדזערע אינטערעסן".

אָבער די דייטשישע פּאָרכאפּער האָבן געהאט א ביטערן טאָעס.

דאָס פרייהייט-ליבנדיקע אוקראינישע פאָלק איז אופגעשטאנען קעגן די פארגוואלטיקער די אָקופּאנטן. איבער גאנץ אוקראינע האָבן זיך צעפלאקערט פאָלקס-אופשטאנדן.

עס זיינען אופגעשטאנען די ארבעטער, פויערים אין קיִעוושטשינע, טשערניגאָווטשינע, כערסאָנשטשינע, יעקאטערינאָסלאווטשינע.

„קעגן דעם פּרעמדלענדישן יאָך, וואָס גייט פון מייריוו, — האָט געשריבן כאָווער סטאלין אין מארט 1918 יאָר, — הייבט ראטן-אוקראינע אופ א באפרייערישע *פאָטערלענדישע* מילכאָמע, — אזא איז דער זין פון די געשעענישן, וואָס אנטוויקלען זיך אין אוקראינע" [1].

1 *סטאלין*, ארטיקלען און רעדעס וועגן אוקראינע, פארטיזדאט, 1936, ז. 40.

אינ יונ האָט דער עסטרײַכ-אונגארישער געזאנדטער אינ קיִעוו גראפ פאָרגאטש שוינ געשיקט קיינ ווינ אומרויִקע טעלעגראמעס: „די יעדיִעס וועגנ דער יוירונג אינ לאנד פארשטארקנ זיכ. די שלאכטנ פונ די דײַטשנ אינ זוועניגאָראָדער ראיאָנ, צו דאָרעמ-מײַרעוו פונ קיִעוו, טראָגנ אנ ערנסטנ כאראקטער...

די פויערימ-אומרועג וואקסנ זיכ פאנאנדער אינ פיל ראיאָנענ פונעמ לאנד. הײַנט באנאכט זײַנענ פאָרגעקומענ פלאנמעסיקע אָנפאלנ אפ די אײַזנבאנ-וועגנ אינ פארשיידענע ערטער. די באוועגונג אפ פיל אײַזנבאנ-וועגנ איז איבערגעריסנ... דאָס דײַטשישע מיליטער האָט, ווײַזט אויס, געהאט באדײַטנדיקע פארלוסטנ".

די פאָלקס-מילכאָמע קעגנ די דײַטשישע אָקופאנטנ איז אלצ ברייטער אונ ברייטער געוואָרנ.

גאנצע דיוויזיעס זײַנענ די דײַטשנ געצוווּנגענ געווענ צו ווארפנ, קע-דיי צו דערשטיקנ די אופשטאנדנ. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפנ. אונטער דער אָנפירונג פונ דער פארטיי באָלשעוויקעס האָט זיכ דאָס פאָלק אומעטום גענו-מענ צומ געווער, אומעטום זײַנענ געשאפנ געוואָרנ פארטיזאנישע אָט-ריאדנ.

כאראקטעריסטיש איז די טעלעגראמע פונעמ פאָלטאווער גובערניִאלנ „סטאראָסטא" קיינ קיִעוו. דער אויסלענדישער העטמאנישער טשינאָווניק האָט מיטגעטיילט דעמ 8-טנ אווגוסט:

„פארנ לעצטנ מעסלעס זײַנענ פאָרגעקומענ עלפ באוואָפנטע אָנפאלנ אונ 3 מאָרדנ... פיר אזייגער באטאָג האָט זיכ אינ דאָרפ סטאראָיע געפונענ א דײַטשישער אָטריאד; 11 אזייגער איז פונ די דײַטשנ קיינ איינער ניט געבליבנ לעבנ".

שוינ אינ אווגוסט איז די דײַטשישע אונ עסטרײַכישע אויבער-קאָמאנד-שאפט געצווּנגענ געווענ צו באהאנדלענ די פראגע וועגנ עוואקויִרנ זייער מילי-טער פונ אוקראיִנע.

דערווײַל האָבנ די באָלשעוויקעס פונ אוקראיִנע געשאפנ פארטיזאנישע שטאבנ אפ אָנצופירנ מיט דער אָרגאניזירונג, פאָרמירונג אונ מיט די שלאכט-אק-ציעס פונ די פארטיזאנישע אָטריאדנ. אינ דער אזויגערופענער „נייטראלער

זאָנע״ צווישן אוקראַיִנע און רספסר האָבן זיך פאַרמירט צוויי אופשטענדלערישע דיוויזיעס.

די סאָוועטישע רעגירונג האָט געגעבן הילף דעם אוקראַיִנישן פאָלק. דעם 17-טן נאָיאבער 1918 יאָר האָט דער ראַטפאָלקאָם לויט דער איניציאַטיוו פון לענין און סטאלין אָנגענומען א באשלוס וועגן שאפן דעם רעוומיליטראַט פונעם אוקראַיִנישן פראָנט. די כאַוויירים וואָראָשילאָוו און ארטיאָם זיינען אריין אין דער צייטווייליקער ארבעטער-פויערישער רעגירונג פון אוקראַיִנע.

סאָף נאָיאבער 1918 יאָר האָבן די הערויִשע טיילן פון דער ערשטער און צווייטער דיוויזיעס פון דער אוקראַיִנישער רויטער ארמיי, דאָס אופגעשטאנענע מיליטער פון ווייסרוסלאנד, די פאָלקן פון דער רויטער ארמיי פון דווינסקער און פסקאָווער ריכטונגען זיך געלאָזט אין מארש קעגן די פרעמדלענדישע פארכאפער.

אין אוקראַיִנע האָט געפירט א הערויִשן אָנגריף דער פאָלקס-קריגס-פירער ניקאָליי שטשאָרס. די טיילן, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפירט, האָבן אָנראכמאָנעסדיק געשלאָגן דעם סוינע.

אין דעקאבער 1918 יאָר איז די קאָמאנדשאפט פון באזונדערע דייַטשישע טיילן געווען געצוווּנגען צו בעטן שטשאָרסן איין זאך — ער זאָל זיי געבן א מעגלעכקייט אָפּצופאָרן אהיים, פונוואנען זיי זיינען געקומען.

„מיר גייען נאָך די דייַטשן פוסטריט און מיר פארנעמען אָן א שלאכט די דערפער און שטעט, וואָס זיי פארלאָזן״, — האָט שטשאָרס ראפּאָרטירט דעם 17-טן דעקאבער 1918 יאָר.

אונטער די קלעפּ פון דער רויטער ארמיי און פון די אופשטענדלערישע אָטריאדן האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פאנישע אנטלויפן פון די דייַטשישע אינטערווענטן.

אין אוקראַיִנע, ווייסרוסלאנד, אין דער באלטיק, וואָס זיינען אָפּגערייניקט געוואָרן פון די אָקופּאנטן, איז אופגעשטעלט געוואָרן ראטנמאכט.

אזוי האָבן דאָס רוסישע, אוקראַיִנישע, ווייסרוסישע פעלקער, די ארבעטער פון דער באלטיק אין 1918 יאָר צעשמעטערט און ארויסגעטריבן די דייַטשישע פארכאפער. אָבער די פאשיסטישע באנדיטן טראָגן זיך נאָך אלץ ארום מיט פלענער וועגן פארוואנדלען ראטן-אוקראַיִנע אין זייערער א קאָלאָניע.

אקסעל שמידט — דער מיטהעלפער פונעם קאָמאַנדיר פונעם מיזרעך-פראָנט גענעראַל האָפמאַן — האָט אין אַפּרעל 1918 יאָר געשריבן: „די אַגראַרע אוקראַינע שטעלט מיט זיך עקאָנאָמיש פאָר אַ פּרעכטיקע דערגאַנצונג צו דער אַנטוויקלטער אינדוסטריע פון די צענטראַלע מעלוכעס". עס זײַנען אַדורך 17 יאָר. דער זעלבער אַקסעל שמידט — אַ פאַשיסט, אַ היטלעראָווע — האָט אין 1933 יאָר בוכשטעבלעך איבערגעכאַזערט זײַנע דערקלערונגען פון 1918 יאָר: „דײַטשלאַנד און אוקראַינע זײַנען פּאָליטיש פאַרבונדן איינס מיטן צווייטן, עקאָנאָמיש אָבער דערגאַנצן זיי איינס דאָס צווייטע".

מיט די דאָזיקע פּלענער גייען איצט די דײַטשישע פאַשיסטן אַף אונדזער לאַנד. אָבער עס דערוואַרט זיי אַן אָן אַן ערעך מער ביטערער גורל ווי אין 1918 יאָר.

* * *

מיר האָבן געזען, ווי אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער האָבן די פעל-קער פון אונדזער לאַנד פיל מאָל געהאַט אויסצושטיין אָנפאַלן פון די דײַטשישע פאַרכאַפּער און ווי אַזוי זיי האָבן קעסיידער געשלאָגן די דאָזיקע פאַרכאַפּער.

און אָט איז אין אונדזערע טעג נאָכאַמאָל געקומען אַף אונדזער ערד דער ראָצכישער, געפּערלעכער און שטאַרקער סוינע, וואָס איז געווינט געוואָרן צו לײַכטע דערפאָלגן אינעם פאַרכאַפּן פרעמדע טעריטאָריעס און פאַרשקלאַפן פרעמדע פעלקער, געקומען איז ער פונעם זעלבן דײַטשלאַנד, וואָס גייט שוין העכער 8 יאָר אָפּ מיט בלוט אונטערן פאַשיסטישן יאָך. אונטערן שטיוול פון דעם זעלבן בלוטיקן פאַשיזם שמאַכטן פיל פעלקער פון אייראָפּע, וואָס זײַנען ניט בעקויעך געווען זיך קעגנצושטעלן זײַן באַ-וואָפנטער קראַפט.

דער פּרעזידענט פונעם מעלוכישן שוץ-קאָמיטעט י. וו. סטאַלין האָט אין זײַן אַרויסטרעטונג דורך ראַדיאָ דעם 3-טן יולי 1941 יאָר אָנגעוויזן:

„דער סוינע איז אַכזאָריעסדיק און אומדערבאַרעמדיק. ער שטעלט פאַר זיך אַ ציל צו פאַרכאַפּן אונדזער ערד, וואָס איז באַגאָסן מיט אונדזער שווייס, צו פאַרכאַפּן אונדזער ברויט און אונדזער נאַפט, וואָס מיר האָבן אַרויס-באַקומען מיט אונדזער מי. ער שטעלט זיך פאַר אַ ציל אופצושטעלן די

מאכט פונ די פריצים, אופצושטעלנ דעמ צאריזמ, כאָרעוו צו מאכנ די נאציאָנאלע קולטור אונ נאציאָנאלע מעלוכישקייַט פונ די רוסנ, אוקראינער, ווייַסרוסנ, ליטווינער, לעטנ, עסטנ, אוזבעקנ, טאָטערנ, מאָלדאוואנער, גרוזינער, ארמענער, אזערבייַדזשאנער אונ פונ די אנדערע פרייַע פעלקער פונעמ ראטנפארבאנד, דייַטשיזירנ זיי, פארוואנדלענ זיי אינ קנעכט פונ די דייַטשישע פירשטנ אונ באראָנענ. דאָ גייט אזויארומ אינעמ לעבנ אונ טויט פונ דער סאָוועטישער מעלוכע, אינעמ לעבנ אונ טויט פונ די פעלקער פונ פססר, ס'גייט אינ דעמ — צי זאָלנ די פעלקער פונעמ ראטנפארבאנד זייַנ פרייַ אָדער ווערנ פארשקלאפט".

אָבער די פאריסענע היטלערישע באנדיטנ האָבנ פארגעסנ, אז דאָס גרויסע סאָוועטישע פאָלק קאָנ מענ ניט אייַנברעכנ, אז דאָס סאָוועטישע פאָלק איז אומבאזיגבאר, ווענ עס פארטיידיקט זייַנ היימלאנד, זייַנ ערד, זייַנ לעבנ, ערע, פרייַהייַט אונ אומאָפהענגיקייַט.

די דייַטשישע פאשיסטנ האָבנ וועגנ דעמ פארגעסנ. נו, מיילע, אלצ ערגער איז פאר זיי. דער סוינע וועט פארניכטעט ווערנ! אזוי וועט עס זייַנ, וואָס פארא שווועריקייַטנ אונדז זאָל ניט אויסקומענ בייַצוקומענ אפנ וועג צומ זיג.

„אונדזערע קויכעס איז ניט איבערצוציילנ. דער פאריסענער סוינע וועט זיכ איינגיכנ מוזנ דערינ איבערצייַגנ", — האָט געזאָגט כאווער סטאלינ.

די רויטע ארמיי אונ דאָס גאנצע סאָוועטישע פאָלק אונטער דער אָנפירונג פונ דער וומפולער באָלשעוויסטישער פארטיי, סאָוועטישער רעגירונג אונ פונעמ גרויסנ פירער כאווער סטאלינ פירנ א גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע מיט די פאשיסטישע ראָצכימ, וואָס זייַנענ אפ א פארעטערישנ אויפנ אָנגעפאלנ אפ אונדז.

מיט דער פולסטער באזיניקונג פונ אונדזער קראפט, פונעמ היילינקנ כויוו פאר אונדזער היימלאנד זאָגנ מיר:

אונדזער זאכ איז א גערעכטע. דער סוינע וועט צעקלאפט ווערנ. זיגנ וועלנ מיר.